STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 04225

MEDRESH RABAH OYF DI HAMISHAH HUMSHE TOYREH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מדרש רבה

אויף די חמשה חומשי תורה

לויט די סדרות פון דער וואָך

ערשטער טייל

חומש בראשית

אידיש

(אין אייגענער אַראַנזשירונג)

פון

ש. צ. זעצער

אַרויסגעגעבן פון
ש. צ. זעצער געזעלשאַפט
ניו יאָרק, נ. י.
1953

פון זעלבן מחבר:

א) רבי ישראל בעל שם טוב — 2 בענדער.

ב) צו דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום.

ג) די נסיעה פון רבי נחמן בראסלאווער קיין ארץ ישראל.

ד) מדת הרחמים.

ה) פיגורן.

ו) וואונדער מעשיות פון רבי נחמן בראסלאווער.

ז) „דאָס וואָרט" ביבליאָטעק — 1934.

ח) „דאָס וואָרט" ביבליאָטעק — 1935.

ט) „דאָס וואָרט" ביבליאָטעק — 1936־37.

י) די וויכטיקסטע פיגורן און מאָמענטן אין דער אידישער געשיכטע — 4 בענדער.

יא) פערדינאַנד לאסאל.

יב) גרונט פרינציפּן און כללים בנוגע דיני ממונות און דיני נפשות.

S. H. SETZER

175 Broadway (Room 801), New York 2, N. Y.

Tel. ORchard 4-3163

אייניקע באַמערקונגען

דער מדרש רבה אויף ספר בראשית איז דער עלטסטער צווישן די אַלע פינף מדרשים, וואָס מיר האָבן אויף די חמשה חומשי תורה. שוין דער רב האי גאון האָט געוואוסט פון זיין עקזיסטענץ — און ער ברענגט אַ ראיה פון אים — ווי רש״י דערציילט אונז — אַז דאָס וואָרט טמיא דאַרף מען טייטשן ביינער *). און אויך רש״י אַליין פאַררופט זיך אויף אים אין יעדער סדרה פון זיין פירוש אויף דעם חומש בראשית. ער ציטירט אים גאָר אָפט.

און מען באַדאַרף אָננעמען, אַז דער מסדר פון דעם דאָזיקן מדרש האָט זיך באַנוצט ביים צוזאַמענשטעלן אים מיט פאַרשיידענע באַזונדערע מאַנוסקריפּטן, וואָס דער פּראָצעס פון זייער געשאַפן ווערן איז אָנגעגאַנגען אין אַ משך פון אייניקע הונדערט יאָר. די דאָזיקע אגדה קונטרסים האָבן צירקולירט — אַמאָל מער עפנטלעך און אַמאָל וועניקער — צווישן פאָלק, און די מחברים זייערע זיינען געווען אייניקע פון די בעלי אגדה, וואָס האָבן אין די פריערדיקע דורות געלעבט. די דאָזיקע בעלי אגדה ווערן אין תלמוד מיט דעם נאָמען „רבנן דאגדתא״ באַ־ צייכנט. פון דאָרטן זעען מיר אויך, אַז שוין אין די גאָר אַלטע צייטן, שוין אין די גאָר פריערדיקע דורות פון די תנאים האָבן פאַרשיידענע אגדה קונטרסים זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין ארץ ישראל. פון מדרש רבה זעען מיר, אין איינעם פון די ערשטע קאַפּיטלעך אויף דער סדרה בראשית, אַז ניט נאָר איז אַ זאַמלונג פון משלי שועלים פון רבי מאירן געבליבן נאָר אויך אַן אויפגעשריבענע זאַמלונג פון מדרש אגדה אויף דער תורה. ווי עס ווערט געזאָגט דאָרטן: „בתורתו **) של רבי מאיר מצאו כתוב והנה טוב מאד — זה המות.״ פון דער גמרא זעען מיר, אַז אגדה קונטרסים האָבן אויך שוין אין רבי ישמעאלס צייט צירקולירט. עס ווערט דאָרטן אוי דערמאָנט וועגן אַן אויפגעשריבענער „אגדת דבי רב״ אין דער צייט פון רבי יוחנן זיינען אין אַ גאָר גרויסער צאָל פאַרשיידענע ספרי אגדה צווישן פאָלק פאַרשפּרייט געווען, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען אייניקע ספרי מינים, ווי אויך ספרים וואָס האָבן צו טון מיט שדים־געשיכטן און מעשי כשפים און לחשים — און זיי זיינען דערפאַר געגאַנגען אַלע אָפּטמאָל אונטער דער אַלגעמיינער באַצייכענונג פון „ספרי קוסמין״ — און וועגן וועלכע די חכמים אונזערע האָבן געהאַלטן אין איין וואָרענען דאָס אידישע פאָלק.

אַ קלאַסישער אָנהויב אויף דעם געביט פון אגדה ספרים איז געמאַכט געוואָרן שוין אין דער צייט ווען דער מחבר פון תרגום יונתן האָט געלעבט. דער דאָזיקער תרגום ווערט צוגעשריבן צו יונתן בן עוזיאל, וואָס ער איז דער גדול שבתלמידי הלל געווען. אין הויפּט כאַראַקטער זיינעם איז אָט דער תרגום יונתן אַ סך מער ווי נאָר אַן איבערזעצונג פון דער תורה. אין דעם גרעסטן טייל זיינעם איז דער

---

*) „ופירש רב האי מלא טמיא — בית שהוא מלא עצמות. והביא ראיה על זה מבראשית רבה „דקתני אדרינוס שחיק טמיא — דהיינו שחיק עצמות״ — רש״י, ברכות נ״ט, ב׳.

**) דער „בתורתו של רבי מאיר״, דאַרף מען פאַרשטיין, מיינט ניט אין זיין ספר תורה, נאָר אין זיין אגדה קונטרס אויף דער תורה.

אינהאַלט זיינער אגדהשע אויסטייטשונג אויף אַט יענע ערטער פון דער תורה, אויף וועלכע ער שטעלט זיך אָפּ, אַזוי אַז ער שטעלט מיט זיך פאַר מער אַן אגדה מדרש, ווי אַ תרגום ווערק.

דער בראשית רבה איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין ארץ ישראל און דער גרעסטער טייל פון דעם מאַטעריאַל זיינעם איז פון די חכמי האגדה פון ארץ ישראל צוזאַמענגעקליבען. און אין רש״י אויף בראשית — בראשית מ״ז — ווערט דער דאָזיקער מדרש טאַקע אָנגערופן „אגדת ארץ ישראל״. די צייט, ווען ער איז נתפרסם געוואָרן, איז געווען אַרום דעם 8טן יאָרהונעדרט און אפשר נאָך פריער: ניט מיט פיל יאָרן שפּעטער, ווי דער תלמוד ירושלמי איז געשלאָסן געוואָרן, וואָס דאָס הייסט: פאַר דער חתימה נאָך פון תלמוד בבלי.

דער מדרש שמות איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין אַ גאָר שפּעטערער צייט. רש״י ציטירט אים ניט. עס איז אויך אַ ספק, צי אויך דער רמב״ם אפילו האָט שוין געוואוסט פון אים. און די אַלע דרשות אין ספר שמות שטאַמען פון די דברי חז״ל אין סוטה און פון „תנחומא״. דאָרטן געפינען זיך די אַלע דרשות זיינע „אות באות״.

דער מדרש ויקרא איז שפּעטע ר פונמדרש בראשית צוזאַמענגעשטעלט געווען, אָבער ניט אין אַזאַ שפּעטערער צייט ווי דער מדרש שמות. ער איז גאָר אַ סך פריער פאַר אים צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן רש״י ציטירט אים שוין אין פרשת „כי תשא״. אַוודאי ציטירט ער אים אין זיין פירוש אויף חומש ויקרא, אָבער ניט גאָר אָפט. פון דעם, ווידער, וואָס רש״י זאָגט אין סנהדרין ***) — ווייזט אויס אַז אויך דער רב האי גאון האָט שוין געוואוסט פון אים.

דער מדרש במדבר איז אַ מין זאַמלונג פון דברי אגדה צוזאַמענגעקליבן פון תלמוד בבלי און פריערדיקע מדרשים זאַמלונגען. דער דאָזיקער מדרש, ווי אויך דער מדרש דברים — וועלכער דערמאָנט שטאַרק לויט דעם קאָמפּאָזיציאָנעלן כאַראַקטער זיינעם דעם מדרש תנחומא — זיינען געשאַפן געוואָרן שוין אין די גאָר שפּעטערע דורות.

***) „ובסדר טהרות פירש רב האי: מקידה של חרש. ודומה לו: חד אמר קודו וחד אמר מקלו.״ (ויקרא רבה, אחרי).

דער תלמוד און דער מדרש

(איינלייטונג)

דער תלמוד באַשעפטיגט זיך הויפּטזעכלעך מיט דערקלערן, אויסטייטשן די אַלע דינים און פאַרשריפטן, וואָס געפינען זיך אין דער תורה, ווי אויך — דורך לאָגישער אַרגומענטאַציע, דורך שאַרפער דיאַלעקטיק — מיט דעם אַרויסטייטשן פון דער תורה אַלערליי אָנווייזונגען, וויאַזוי מען באַדאַרף האַנדלען אין פאַלן, וואָס זיינען אויף דעם אָדער יענעם אופן פאַרבונדן מיט אַ דין אָדער אַ פאַרשריפט אין דער תורה — ווייל אין דער תורה ווערט ניט גערעדט וועגן זיי בפירוש; ווי אויך ווידער מיט די אַלע דינים, תקנות, וואָס די רעליגיעזע פאַרשטייער פון אידישן פאָלק, פילע פון די חכמי התלמוד, וואָס האָבן אין פאַרשיידענע צייטן געלעבט, האָבן מחדש געווען, ווען אומשטענדן פון דער צייט האָבן דאָס געפאָדערט.

ביי אַלעם דעם, וואָס עס געפינען זיך אין תלמוד אין אַ גרויסער מאָס אויך דברי אגדה — לעגענדעס, פּאָעטישע שילדערונגען פון היסטאָרישע פּאַסירונגען, ווי אויך ענינים, וואָס האָבן צו טאָן מיט געשיכטע, מאָראַל און עטיק — איז דאָך דער תלמוד הויפּטזעכלעך אַ קאָדעקס פון סאָציאַלער געזעצגעבונג, פון רעגולירנדע נאָרמען אויף דעם געביט פון פּראַקטישן רעליגיעזן לעבן פון אידישן פאָלק, פון רעליגיעזן ריטואַל אין אַלערליי פאַרשיידענע פאַזן.

די מדרשים, דאַגעגן — וואָס אויך זיי גייען אַריין אין דעם כלל פון דער אַלטער קלאַסישער, תלמודישער ליטעראַטור — זיינען אין דעם גרעסטן פּראָצענט זייערן אגדה זאַמלונגען. אַ געוויסן פּראָצענט פון הלכה אַנטהאַלטן אויך זיי אין זיך. אַ פּאָר פון זיי זיינען אויסשליסלעך הלכה־מדרשים. אָבער די מערסטע זיינען אגדה־זאַמלונגען, וואָס ריידן מער צום האַרץ פון מענטשן, צום געפיל זיינעם, ווי צום קאָפּ, ווי צום געדאַנק. זיי באַשעפטיקן זיך מער מיט פעסטשטעלן די נאָרמען פון עטישער, מאָראַלער אויפפירונג פאַרן אידן, ווי פעסטשטעלן די נאָרמען פון פּראַקטישן רעליגיעזן לעבן. דאַן, ווען די תלמוד־ספרים קאָנען פאַר זיך האָבן נאָר די אידישע וועלט אַלס ווירקונגס־ספערע און קאָנען אויסשליסלעך נאָר אין דער דאָזיקער וועלט רעאַליזירן אירע אויפגאַבן, זיינען די מדרשים־ספרים פון אַ מער אַלגעמיינעם שעפערישן כאַראַקטער; זייער אינהאַלט איז אַ

מער אַלמענטשלעכער, זייער ווירקונגס־ספערע איז אַ סך ברייטער, ווי די אידישע וועלט אַליין. דורך דער גרויסער מאָס פון וואונדער־לעכער קינסטלערישער שעפערישקייט, וואָס עס איז אין זיי פאַרקער־פערט, דערהויבן זיי זיך אין פילע פאַרשיידענע פראַגמענטן זייערע צו דער גרעסטער מדרגה פון ליטעראַרישן שאַפן; זיי דערהויבן זיך צו דעמזעלבן ווערט, וועלכן עס פאַרמאָגן פילע פון די שענסטע פערל פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. די וואונדערלעכע אַל־מענטשלעכע מאָטיוון, וואָס אונזערע אויערן כאַפּן אַזוי אָפט אויף, ווען מיר לייענען די מדרשים, דערווערבן פאַר זיי אַן אוניווערסאַלע באַדייטונג און אַן אוניווערסאַלע דערהויבנקייט.

דער אורשפּרונג פון די מדרשים זיינען געווען די מינדלעכע דרשות, וואָס עס האָבן געהאַלטן אין די שולן פיל פון די גייסטיקע פאָרשטייער פון אידישן פאָלק אין דעם לאַנגן פעריאָד פון יאָרן, איבער וועלכן די תלמודישע תקופה ציט זיך. די דרשות, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די שולן אין די שבתים און ימים־טובים טעג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פרשה פון דער תורה, וואָס מען האָט דעמאָלט געלייענט, טראָגן אַ דערציערישן כאַראַקטער. דער צוועק זייערער איז געווען צו באַווירקן די צוהערער, אַז זיי זאָלן זיך אויף פאַלשע וועגן אין זייער לעבן ניט לאָזן, אַז זיי זאָלן איינאָרדנען זייער לעבן לויט די פאָדערונגען פון די עטישע און מאָראַלע פּרינ־ציפּן, איינצופלאַנצן ביי זיי גוטע מידות, הויפּטזעכלעך די מידה פון מיטלייד, פון רחמנות אויף מענטשן, די מידה פון צדקה געבן צו יעדן, וואָס שטרעקט אויס אַ נויטבאַדערפטיקע האַנט.

אין די דרשות זייערע האָבן זיי אויך פיל פּלאַץ אָוועקגעגעבן פאַר שילדערונגען, פאַר אַ ברייט אַרומריידן פון פאַרשיידענע וויכטיקע פּאַסירונגען, פאַר געשעענישן גרויסע, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לעבן פון אידישן פאָלק אין דעם אָדער יענעם פעריאָד פון זיין געשיכטע, ווי אויך וועגן קעגנוווערטיקע פּאַסירונגען: באַלייכטונגען און שילדערונגען, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט פּסיכאָלאָגישן אַריינדרינגען אין עצם תוך פון דערשיינונגען, מיט מערקווירדיקער פּאָעטישער קראַפט און מיט וואונדערלעכער פאַנטאַזיע. זיי האָבן זייערע נשמות אויסגעגאָסן יעדן מאָל, ווען עס איז זיי אויסגעקומען וועגן גרויסן אידישן אומגליק צו ריידן; וועגן דעם טרויער, אין

וועלכן די אידישע וועלט איז אין דעם אָדער יענעם מאָמענט פון זיין געשיכטע איינגעהילט געווען. עס איז זייער האַרץ אין שטיקער צעריסן געוואָרן יעדן מאָל, ווען זיי זיינען אַרויסגעטראָטן מיט אַ שילדערונג פאַר זייערע צוהערער פון אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט ווען דורכגעלעבט. פון יעדן אויסדרוק זייערן דאַן האָט אַזוי פיל דערשטיקט געוויין זיך געריסן.

און צוזאַמען מיט אָט יענע קלאָג און געוויין שילדערונגען, צוזאַמען מיט די ווערטער זייערע פון צער און פיין, זיינען זיי אויך מיט טרייסט־רייד פאַר זייערע צוהערער אַרויסגעטראָטן. זיי האָבן ביי זיי מוט און האָפנונג אויף בעסערע צייטן געוועקט אין דעם גלויבן, אַז גאָט וועט זיי נים פאַרלאָזן, אַז ער וועט פאַר זיי זיין הילף שיקן.

* * *

אין די מדרשים געפינען זיך אוצרות גאַנצע פון וואונדערלעכע משלים און אַפאָריזמען, וועלכע אַנטהאַלטן אַזוי פיל פון בלענדענ־דער געטליכקייט דורכגעשטראַלטער לעבנס ווייזהייט; אוצרות גאַנ־צע פון וואונדערלעך שיינע לעגענדעס און פאָעטישע שאַפונגען. עס לעבן זיך דאָרטן איין אויף אַ מערקווירדיקן אופן טיפער זין פאַר די בייזע אינסטינקטן, וואָס הערשן איבער דעם מענטשן, צוזאַמען מיט טיפן גלויבן, אַז ביי דעם אַלעם איז דאָך די נשמה זיינע אַ טייל פון „נשמת שדי ממעל"; אַז ביי דעם אַלעם איז דאָך אויך פיל געטלעכקייט אין איר פאַראַן. עס לעבן זיך איין דאָרטן אויף אַ מערקווירדיקן אופן אַ שווער דריקנדיק געפיל פון טרויער, פון פאַר־צווייפלונג, צוזעענדיק דעם שוואַרצן, פינצטערן טאָג, וואָס די קעגנ־וואַרט האָט פאַר דעם מענטשן אָנגעגרייט, צוזאַמען מיט אַזוי פיל האָפערדיקן גלויבן, ליידנשאַפטלעכער האָפענונג אויף און אין דעם אָנקומען פונם גליקלעכן טאָג, וואָס די צוקונפט וועט פאַר דעם מענטשן ברענגען. אויב דורך דער הלכה האָט דער איד גאָט צו זיך אויף דער ערד אַראָפּגעבראַכט, האָט ער זיך דורך דער אגדה, וואָס שטעלן די מדרשים צוזאַמען, צו גאָט אין הימל דערהויבן. זי האָט אים וואונדערלעכע אדלער־פליגלען געגעבן, ער זאָל זיך אויף זיי טראָגן איבער וואונדערלעכע פאַנטאַסטישע צויבערוועלטן און זאָל אַ ווײַלע דעם עמק עבור, אין וועלכן ער האָט געלעבט, פאַרגעסן.

פרשת בראשית

אדם און חוה

רבי חנינאַ האָט געזאָגט: בשעת גאָט האָט געוואָלט באַשאַפן אדם הראשונען, האָט ער זיך באַראָטן מיט די מלאכי השרת. ער האָט געזאָגט צו זיי: „לאָמיר מאַכן אַ מענטשן „בצלמנו כדמותנו" — לויט אונזער בילד און געשטאַלט.

האָבן זיי צו אים געזאָגט: אָט דער מענטש, וואָס דו ווילסט באַשאַפן — וואָס וועט ער זיין אַזוינס?

האָט ער געזאָגט צו זיי: צדיקים וועלן אַרויסקומען פון אים.

און דאָס איז עס וואָס עס איז געשריבן: „כי יודע ה' דרך צדיקים" — גאָט גיט זיך אָפּ מיט דעם וועג פון די צדיקים. וואָרים ער האָט מודיע געווען, גאָט, נאָר דעם ענין פון צדיקים צו די מלאכי השרת. ער האָט זיי ניט מגלה געווען, אַז אויך רשעים וועלן פון אים אַרויסקומען. וואָרים, ווען ער זאָל געווען זיי מגלה זיין, אַז אויך רשעים וועלן פון אים אַרויסקומען, וואָלט די מידת הדין ניט געווען געלאָזט, אָדם זאָל באַשאַפן ווערן.

און רבי סימון האָט געזאָגט: בשעת הקדוש ברוך הוא האָט געוואָלט באַשאַפן אדם הראשונען, זיינען די מלאכי השרת אויף באַזונדערע כתות, אויף באַזונדערע גרופּן צעטיילט געוואָרן. אייניקע פון זיי האָבן געזאָגט, ער זאָל ניט באַשאַפן ווערן. אַנדערע האָבן געזאָגט, ער זאָל יאָ באַשאַפן ווערן.

און דאָס איז דאָס וואָס שטייט געשריבן: חסד ואמת נפגשו, צדק ושלום נשקו" — גנאַד מיט אמת האָבן זיך באַגעגנט; גערעכטיקייט און פרידן האָבן זיך געקושט.*). חסד האָט געזאָגט, ער זאָל באַשאַפן ווערן, וואָרים ער איז גומל חסדים דער מענטש. אמת האָט אָבער געזאָגט, ער זאָל ניט באַשאַפן ווערן, וואָרים ער איז כלו שקר. צדק האָט געזאָגט, ער זאָל באַשאַפן ווערן, וואָרים ער איז אַן עושה צדקות. שלום האָט אָבער געזאָגט, ער זאָל ניט באַשאַפן ווערן, וואָרים ער איז כלו מחלוקת.

---

*) דער מדרש, ווייזט אויס, דרשנט דאָס וואָרט „נשקו" פון לשון נשק — וואָפן: זיי האָבן געקעמפט צווישן זיך.

וואָס־זשע האָט גאָט געטאָן ?

ער האָט גענומען דעם אמת און האָט אים אויף דער ערד אַראָפּ־געוואָרפן.

און דאָס איז דאָס וואָס עס שטייט געשריבן : „ותשלך אמת ארצה״ — און דו האָסט דעם אמת צו דער ערד געוואָרפן.

האָבן די מלאכי השרת פאַר קודשא בריך הוא געזאָגט: רבונו של עולם, וואָס ביסטו מבזה דעם אויפשריפט פון דעם זיגל דיינעם ? דאָס וואָרט אמת איז דאָך אויף דעם זיגל דיינעם אויסגעקריצט. זאָל דער אמת צוריק פון דער ערד אויפגעהויבן ווערן.

און דאָס איז דאָס וואָס שטייט געשריבן : „אמת מארץ תצמח״ — דער אמת שפּראָצט ווידער אויף פון דער ערד.

* * *

און דערוויילע, ווי די מלאכי השרת האָבן זיך אַזוי מתווכח געווען צווישן זיך, האָט אים דער הקדוש ברוך הוא באַשאַפן.

האָט ער געזאָגט צו זיי : וואָס אַמפּערט איר זיך ? אָדם איז שוין באַשאַפן געוואָרן.

האָבן זיי געזאָגט די מלאכי השרת פאַר קודשא בריך הוא : „רבונו של עולם, מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו״ — וואָס איז דער מענטש, אַז ער זאָל פון דיר געדאַכט ווערן ? וואָס זיינען די מענטשן־קינדער אַז דו זאָלסט געדענקען אָן זיי ? צו וואָס באַ־דאַרף מען זי, די דאָזיקע צרה ?

האָט ער געזאָגט צו זיי : אויב אַזוי, „צונה ואלפים כולם״ — די אַלע שאָף און רינדער, צו וואָס זיינען זיי באַשאַפן געוואָרן ? „צפור שמים ודגי הים״ — די פייגלען פון די הימלען און די פיש פון ים — צו וואָס זיינען זיי באַשאַפן געוואָרן ? אַ משל צו אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ פּאַלאַץ, וואָס איז מיט כל טוב פול געווען. ער האָט אָבער קיין געסט ניט געהאַט. וואָס זשע פאַר אַ הנאה האָט ער דען געהאַט פון דעם פּאַלאַץ, וואָס ער האָט מיט כל טוב אָנגעפילט ?

האָבן זיי געזאָגט פאַר אים די מלאכי השרת : „ה׳ אדונינו, מה אדיר שמך בכל הארץ״ — ווי פּרעכטיק דיין נאָמען איז איבער דער גאַנצער וועלט ; טו ווי עס איז דיר ליב.

* * *

און רבי יונתן האָט געזאָגט : בשעת משה האָט געשריבן די תורה, האָט ער געשריבן מעשה כל יום ויום : אַלץ וואָס עס איז

אין יעדן באַזונדער טאָג אָפּגעטאָן געוואָרן האָט ער פאַרשריבן. און אַז ער איז צוגעקומען צום דאָזיקן פּסוק פון „ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו כדמותנו", האָט ער געזאָגט: רבונו של עולם, פאַרוואָס גיסטו אַ פּתחון פה*) די מינים, די אפיקורסים? איך וואונדער מיך. זיי וועלן דאָך זאָגן, אַז ווייל עס שטייט „נעשה", הייסט עס אַז גאָט אַליין האָט ניט געקענט באַשאַפן אדמען.

האָט ער צו אים געזאָגט: שרייב, און דער וואָס וויל זיך טועה זיין — זאָל ער זיך טועה זיין.

און הקדוש ברוך הוא האָט צו אים ווייטער געזאָגט: אָט דער דאָזיקער מענטש, וואָס איך האָב באַשאַפן — וועלן דען ניט גרויסע און קליינע אַרויסקומען פון אים? ווייל איך אַז זיי זאָלן פון דעם פּסוק אָפּלערנען ווי אַזוי זיך צו פירן. טאָמער וועט זאָגן דער גרעסערער, ווען ער וועט דאַרפן נעמען רשות אַמאָל פון דעם קלענערן; צו וואָס באַדאַרף איך רשות נעמען פון אַזוינעם וואָס איז קלענער פון מיר? — וועט מען אים זאָגן: לערן פון דיין באַשעפער, וואָס ער האָט באַשאַפן די אַלע אויבערשטע און אונטערשטע, און אַז ער איז גע־קומען באַשאַפן דעם מענטשן, האָט ער זיך באַראָטן מיט די מלאכי השרת.

* * *

און אין זעקסטן טאָג האָט גאָט צונויפגענומען ערד פון אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, ער זאָל פון איר באַשאַפן דעם גוף זיינעם.

און פאַרוואָס האָט ער זיך ניט באַנוגנט דער באַשעפער מיט דעם, ער זאָל די ערד נאָר פון איין אָרט נעמען? ווייל ער האָט געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל די היים פון מענטשן זיין.

ער האָט געזאָגט דער באַשעפער: דער מענטש וועט דאָך זיין אַ וואַנדערער; היינט וועט ער זיין דאָ און מאָרגן דאָרט; דערפאַר וועל איך אים באַשאַפן פון דער ערד פון דער גאַנצער וועלט, כדי אַז טאָמער וועט ער שטאַרבן, ווען ער וועט זיין פאַרוואָגלט פון זיין היים, זאָל די ערד דאָרטן, וואו ער וועט שטאַרבן ניט קענען זאָגן צו אים: ניט פון מיר ביסטו באַשאַפן געוואָרן. איך וויל דערפאַר דיין גוף ניט צונעמען.

*) אַ געלעגנהייט, אַן אויסרייד.

און נאָר דער גוף פון אָדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן אין זעקסטן טאָג. זיין נשמה אָבער איז אין ערשטן טאָג באַשאַפן געוואָרן. זי איז פריער נאָך פאַר די מלאכים באַשאַפן געוואָרן. פאַרוואָס איז דאָס זיין נשמה פריער פאַר אַלע יצורים באַשאַפן געוואָרן און זיין גוף שפּעטער פון אַלע יצורים? כדי אַז אויב ער וועט זוכה זיין —

וועט מען צו אים זאָגן: דו האָסט די מלאכי השרת מקדים געווען. און אויב ניט — וועט מען צו אים זאָגן: אַ פליג האָט דיך מקדים געווען; אַ מוק האָט דיך מקדים געווען; דאָס דאָזיקע ווערימל האָט דיך מקדים געווען.

און אויך דערפאַר האָט גאָט אים גאָר צום לעצטן באַשאַפן: וואָרעם ער האָט געוואָלט צוגרייטן פאַר אים אַלץ, וואָס ער וועט האָבן נויטיק פאַר זיך. פריער האָט ער די אַלע צרכי מזונות זיינע באַשאַפן. דערנאָך האָט ער אים אַליין באַשאַפן.

* * *

און רבי הושעיא האָט געזאָגט: בשעת הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפן אָדמען, האָבן זיך אין אים טועה געווען די מלאכי השרת און זיי האָבן געוואָלט זאָגן קדוש" פאַר אים. אַ משל צו אַ מלך און צו אַ שר אַ גרויסן, וואָס זיינען געפאָרן צוזאַמען אין דער קעניג־לעכער קאַרעטע. האָבן די בני המדינה געוואָלט אָפּגעבן כבוד דעם מלך. זיי האָבן אָבער ניט געוואוסט ווער דער מלך איז. וואָס־זשע האָט דער מלך געטאָן? ער האָט אים אַרויסגעשטופּט פון דער קאַרעטע. האָבן אַלע געוואוסט, אַז ער איז דער שר. אַזוי אויך בשעת הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפן אָדם הראשונען, האָבן זיי זיך טועה געווען אין אים די מלאכי השרת און זיי האָבן געוואָלט זאָגן פאַר אים קדוש. וואָס־זשע האָט הקדוש ברוך הוא געטאָן? ער האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַ שלאָף. האָבן זיי אַלע געוואוסט אַז ער איז אָדם.

און באַלד ווי ער איז באַשאַפן געוואָרן האָט ער, אדם הראשון, געהאָט אַן עק ווי אַ חיה. גאָט האָט אים מיט אַן עק פון הינטן

באַשאַפן, ווי עס איז געשריבן: „ויהי האָדם לנפש חיה". נאָכדעם אָבער האָט גאָט צוגענומען ביי אים דעם עק מפני כבודו, צוליב זיין כבוד וועגן.

און נאָכדעם ווי ער האָט באַשאַפן אָדמען, איז גאָט זייער צופרידן געווען פון מעשה ידיו, ווי עס איז געשריבן: „וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאד" — און ביי גאָט האָט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט באַשאַפן זייער גוט אויסגעזען. גייט „מאד" אויף אָדמען. די אותיות פון מאד זיינען ווי די אותיות פון אָדם.

און אויך ווערט געמיינט אין דעם „והנה טוב מאד" דער יצר הרע. ווארום ווען ניט דער יצר הרע וואָלט קיין מענטש קיין הויז ניט געבויט און קיין ווייב ניט גענומען און קיין קינדער ניט געהאַט און קיין משא ומתן ניט געפירט.

* * *

און אין זיין געשטאַלט האָט גאָט אָדמען באַשאַפן. עס האָט פון זיין געזיכט די געטלעכע שיינקייט אַראָפּגעשטראַלט.

און גאָט האָט אים איבער אַלץ אין דער וועלט געמאַכט הערשן.

און ער האָט די מלאכים גערופן און האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן אויך זיין הערשאַפט אנערקענען. האָבן זיי אים געפאָלגט און זיי זיינען צוגעקומען צו אדמען און האָבן פאַר אים גרויס הכנעה אַרויסגעוויזן.

און דער שטן איז דעמאָלט דער גרעסטער מלאך צווישן די אַלע מלאכים אין הימל געווען. האָט ער ניט געוואָלט אויספאָלגן גאָטס באַפעל. ער האָט צו אים געזאָגט: „ווי קענסטו פאַרלאַנגען פון אונז מלאכים, וואָס אונזער וואוינונג איז אין הימל, וואָס די לויטערקייט פון דיין שכינה רוט אויף אונז, אַז מיר זאָלן זיך בוקן צו דעם, וואָס פון דער ערד איז ער געקומען און צו דער ערד וועט ער זיך אויך צוריק אומקערן?"

און גאָט האָט דעם שטן געענטפערט און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „אָט דער וואָס איך האָב זיין גוף פון דער ערד גענומען, פאַרמאָגט אין זיך פיל מער חכמה און פאַרשטאַנד ווי דו און די אַלע אַנדערע וואָס אין הימל איז די וואוינונג זייערע".

האָט דער שטן צו גאָט געזאָגט: „פּרואוו נאָר מיך און אים — וועל איך זען, צי עס איז טאַקע אַזוי ווי דו זאָגסט."

האָט גאָט צום שטן געזאָגט: „זאָל זיין ווי דו ווילסט. אָט האָב איך באַשאַפן אויף דער ערד אַלערליי מינים חיות און עופות, בהמות און פיש און אַלערליי אַנדערע מינים פון לעבעדיקע באַשעפענישן אַנציילעכע, און ביז היינטיקן טאָג האָב איך זיי קיין נעמען ניט געגעבן. ווילן מיר זען: אויב דו וועסט קענען זיי געבן פּאַסיקע נעמען — וועל איך דיך איבער אָדמען גרויס מאַכן און באַפעלן אים ער זאָל זיך צו דיר בוקן. אויב אָבער אָדם, מיין קנעכט, וועט זיי קענען געהעריקע נעמען געבן — וועל איך אים איבער דיר פאַר אַן הערשער מאַכן און וועל אים זעצן אין גן־עדן מיינעם ער זאָל אים באַאַרבעטן און היטן.

האָט זיך גאָט געלאָזט אין גן עדן גיין, און אויך דער שטן איז אַהין געגאַנגען. נאָכדעם איז אויך אָדם אַהין אָנגעקומען. און אויך די מלאכים אין הימל האָבן זיך אַהין אַראָפּגעלאָזט.

און עס זיינען זיך צונויפגעקומען אַהין פון אַלע חיות און עופות און פיש און פון אַלעם דעם, וואָס האָט אַ רוח חיים אין זיך, און מען האָט זיי אויסגעשטעלט דאָרטן שורות, שורות ווייז. מחנות גאַנצע זיינען זיי דאָרטן געווען.

און גאָט האָט זיך געווענדט צום שטן און געזאָגט צו אים: „ווער זאָל אָנהויבן אויסרופן נעמען פאַר די אַלע, וואָס געפינען זיך דאָ? דו אָדער אָדם?

האָט דער שטן געענטפערט: „איך וועל אָנהויבן".

האָט גאָט אַ וואונק געגעבן צו די באַדינער זיינע און זיי האָבן אַוועקגעשטעלט פאַר דעם שטן דעם אָקס מיט דער קו. האָט ער אים געפרעגט: „וואָס איז דער נאָמען פון די?" האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

האָט כביכול געהייסן די אַוועקנעמען און ברענגען דעם קעמל מיט דעם אייזל. און ער האָט געזאָגט צו אים כביכול: „שטן, זאָג אונדז נאָר, ווי אַזוי זאָלן די נעמען פון די דאָזיקע זיין?" דער שטן האָט אָבער אויך איצט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

האָט גאָט זיך אָנגערופן דאָן צו אָדמען: „קום אַהער, מיין זון, און זאָג, ווי אַזוי באַדאַרפן זייערע נעמען זיין?" האָט אָדם יאָ געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. ער האָט געזאָגט: „אָט דעם באַדאַרף מען רופן

קעמל, אַט דעם — אָקס, אַט די זאָל געדופן ווערן ציג, אַט דער — לייב, אַט דער — וואָלף.

און אַזוי האָט אָדם פאַר יעדער חיה, פאַר יעדער בהמה, פאַר יעדן עוף און פאַר יעדן מין פיש אַ פּאַסיקן נאָמען געקענט צו־טראַכטן.

און נאָכדעם האָט צו אים גאָט געזאָגט: „און מיט וואָס פאַר אַ נאָמען באַדאַרף מען דיך רופן?"

האָט ער אים געענטפערט: „מיך באַדאַרף מען רופן „אדם"*), ווייל פון דער ערד בין איך באַשאַפן געוואָרן".

„און ווי אַזוי באַדאַרף מען מיך רופן?" — האָט אים גאָט ווייטער געפרעגט.

„דיך באַדאַרף מען רופן אדוני**), ווייל דו ביסט דער האַר פון דער וועלט.

און אַז דער שטן האָט געזען, אַז אָדם פאַרמאָגט פיל מער חכמה ווי ער האָט ער ביטער געוויינט און געקלאָגט. ער איז אָבער נאָך אַלץ האַרטנעקיק געבליבן און האָט זיך ניט געוואָלט בוקן צו אָדמען.

און אַז גאָט האָט געזען זיין האַרטנעקיקייט און זיין ווידערשפּע־ניקייט, האָט ער אים פון הימל פאַרטריבן און אין שאול תחתיה פאַרוואָרפן, וואו ער איז ביז צום היינטיקן טאָג פאַרבליבן.

* * *

און בשעת גאָט האָט דורכגעפירט די אַלע חיות און די אַלע בהמות און די אַלע עופות פאַר אָדם הראשון, ער זאָל זיי נעמען געבן האָט ער זיי אַלעמען פאַר אים פאַרלעכטוויז דורכגעפירט.

האָט אָדם הראשון דאַן צו גאָט געזאָגט: פאַר אַלעמען האָסטו אַ פּאָר געשאַפן, נאָר מיר האָסטו קיין פּאָר ניט געגעבן. האָט באַלד אויף אים גאָט אַ שלאָף אַרויפגעוואָרפן און ער האָט באַשאַפן חוהן פון אַ ריפּ, וואָס ער האָט ביי אים אויסגעשניטן.

און אַ מאַטראָנע אַ רוימישע האָט אַמאָל געזאָגט צו רבי יוסין: „אייער גאָט איז אַ גנב. ער האָט פאַרשלעפערט אָדמען און האָט ביי אים אַ ריפּ צוגענומען".

האָט ער איר געענטפערט: „יאָ. ער איז פונקט אַזאַ גנב, ווי

---

*) אָדם — אדמה. אדמה — ערד.

**) אדון — האַר.

דער, וואָס וואָלט ביי דיר אַוועקגעגנבעט אַ זילבערנעם רינג און אָפּ־געבראַכט דיר אַ גאָלדענעם רינג.״

און זי האָט ווייטער געפרעגט: „פאַרוואָס־זשע האָט ער דאָס באַהאַלטענערהייט געטאָן?

האָט ער איר געענטפערט: „כדי זי זאָל ניט מיאוס אויסזען אין די אויגן זיינע.״

האָט זי צו אים געזאָגט: „יאָ, דו ביסט גערעכט. איך האָב געזאָלט חתונה האָבן פאַר מיין אָנקל, פאַר מיין מוטערס ברודער. און נאָר דערפאַר, וואָס איך בין אויסגעוואקסן אין איין הויז מיט אים, בין איך מיאוס געוואָרן אין זיינע אויגן, און ער איז געגאַנגען און האָט זיך גענומען אַן אַנדער פרוי, וואָס איז כלל ניט אַזוי שיין.

* * *

און גאָט האָט געוויזן אדמען זיינע קינדער און קינדס־קינ־דער ביז צום סוף פון אַלע דורות.

און אַז עס איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר אים דאָס געשטאַלט פון דוד, מלך ישראל, האָט ער געזען, אַז גאָט האָט פאַר אים באַ־שטימט אין ספר־החיים זיינעם נאָר דריי שעה לעבן.

האָט אדם געזאָגט צום באַשעפער זיינעם: „אַלמעכטיקער גאָט, פאַר אַזאַ הייליקער און פרומער נשמה האָסטו נאָר דריי שעה לעבן באַשטימט.״

און גאָט האָט אים געענטפערט: „הער אויף רעדן וועגן דעם, אדם, מיין קנעכט; אָט אַזוי האָב איך געוואָלט.״

אדם האָט אָבער ווייטער געטענהט: „האַר פון דער וועלט, וויפל יאָרן האָסטו באַשטימט פאַר מיר, איך זאָל לעבן?״

האָט גאָט צו אים געזאָגט: „טויזנט יאָר וועסטו לעבן.״ האָט אדם געזאָגט צו גאָט: „איך וועל ביי דיר עפּעס פרעגן: גייען אָן מתנות אויפן הימל?״

האָט ער געזאָגט צו אים: „יאָ.״

האָט אדם געזאָגט: „אויב אַזוי, דערלויב מיר, איך זאָל קאָ־נען אַוועקגעבן דודן פון מיין לעבן זיבעציק יאָר, ער זאָל לעבן און קעניגן איבער יהודה און ישראל.״

האָט גאָט געזאָגט צו אים: זאָל זיין אַזוי ווי דו ווילסט.״

און גאָט האָט די מלאכי השרת גערופן און געזאָגט צו זיי: „איר זאָלט מיט אייער חתימה אייער עדות באַשטעטיקן, אַז אדם האָט אַראָפּגענומען פון זיין לעבן זיבעציק יאָר און ער האָט זיי אַוועקגעגעבן דודן.״

און מען האָט דערויף אַ כתב אָנגעשריבן, און גאָט און מטטרון און אדם האָבן זיך געחתמעט אויף אים.

און אַז עס איז געוואָרן אדמען נײַן הונדערט און דרײַסיק יאָר, האָט גאָט געשיקט דעם מלאך המות, ער זאָל די נשמה זײַנע נעמען.

האָט אדם ניט געוואָלט זי אים געבן. ער האָט געזאָגט: „פון גאָטס מויל האָב איך געהערט, אַז טויזנט יאָר וועל איך לעבן. און וועגן דעם, אַז ער האָט זיבעציק יאָר אָוועקגעשענקט דודן, האָט ער גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן.

האָט דער מלאך המות זיך אומגעקערט צו גאָט און געזאָגט צו אים: „אָט אַזוי האָב איך גערעדט צו אדמען, און אָט אַזוי האָט ער מיר געענטפערט."

האָט גאָט געזאָגט צום מלאך: „נעם אָט דעם כתב מיט זיך און ברענג אים צו אדמען."

און ער האָט געשיקט מיט אים די מלאכים: גבריאל, מיכאל און שרפיאל.

און זיי זײַנען פון הימל אַראָפּגעגאַנגען און האָבן געטראָפן אדמען, ווי ער שטייט און ציטערט און איז פאַרזאָרגט, און זײַן געזיכט איז פאַרענדערט און דאָס האַרץ זײַנס וואַרפט זיך אין אים.

און די מלאכים האָבן געזאָגט צו אים: „וואָס שרײַסטו אַזוי און וויינסט צוליב דעם, וואָס דו באַדאַרפסט שטאַרבן? אַלע וועלן דאָך שטאַרבן און וועלן זיך צו דער מוטער ערד אומקערן."

און זיי האָבן געוויזן אדמען דעם כתב, וואו עס איז געווען געשריבן וועגן דער מתנה, וואָס ער האָט געגעבן דודן.

האָט ער דעמאָלט מצדיק געווען*) אויף זיך דעם דין און ער האָט זיך איבערגעגעבן אין רשות פון מלאך המות — און ער האָט די נשמה זײַנע גאָט אָוועקגעגעבן.

און אין דער אמתן איז אברהם אבינו גאָר ווערט געווען, ער זאָל באַשאַפן ווערן דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט, ניט אדם. נאָר גאָט האָט געזאָגט: טאָמער וועט ער זיך פאַרזינדיקן, וועט ניט זײַן ווער עס זאָל די זינד אויסקויפן נאָך אים. נאָר וואָס דען? איך וועל באַשאַפן אדמען פריער. איז אויב ער וועט זיך פאַרזינדיקן, וועט קומען אברהם און אויסקויפן די זינד.

---

*) אָנגענומען דעם גזר דין.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אדם הראשון האָט זיך פאַר־זינדיקט פאַר גאָט מיט דעם, וואָס ער האָט געגעסן פון דעם בוים, וואָס גאָט האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל פון אים ניט עסן.

און וואָס פאַר אַ בוים איז דאָס געווען?

רבי יוסי זאָגט: טאַקע פון חומש פאַרשטייען מיר, אַז דאָס איז אַ פייגנבוים געווען. אַ משל צו בן מלך, וואָס האָט געזינדיקט מיט איינער פון די דינסטן. און אַז דער מלך האָט דאָס דערהערט, האָט ער אים פאַרטריבן און אַרויסגעיאָגט פון פּאַלאַץ. איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די טירן פון די דינסטן. קיינע פון זיי האָט אים אָבער ניט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך. די אָבער, וואָס האָט מיט אים געזינדיקט, האָט אויפגעעפנט אירע טירן פאַר אים און האָט אים צו זיך אַריינגענומען. אַזוי דאָ אויך. בשעת אדם הראשון האָט געגעסן פון יענעם בוים, האָט אים גאָט פאַרטריבן און אַרויס־געיאָגט פון גן־עדן. איז ער דאַן צו די אַלעביימער געגאַנגען, און זיי האָבן אים ניט צוגעלאָזט צו זיך. יעדער בוים, צו וועלכן ער האָט זיך געלאָזט גיין, האָט געשריען: „אָט גייט ער, דער רשע, אָט גייט ער, דער גנב. ריר זיך ניט צו צו מיר. דו זאָלסט זיך ניט דערוואַגן קיין איין בלאַט אַפילו פון מיר נעמען.” דער פייגנבוים אָבער, וואָס פון זיינע פירות האָט ער געגעסן — ער האָט פאַר אים זיינע טירן געעפנט און אים צוגעלאָזט צו זיך. ווי עס איז געשריבן: „און אדם און חוה האָבן אויפגענייט פאַר זיך גאַרטלען פון די בלעטער פון פייגנבוים.”

און פאַרוואָס האָט גאָט ניט באַשאַפן חוהן איידער אדם האָט אים געבעטן, ער זאָל אים זיין זווג געבן? וואָרום גאָט האָט געוואוסט, אַז ער וועט נאָכדעם חרטה האָבן דערויף. ער האָט דעריבער זי ניט באַשאַפן, ביז אדם האָט דאָס אַליין ניט פאַרלאַנגט.

און עס שטייט געשריבן, אַז בשעת אדם האָט דערזען חוהן, האָט ער געזאָגט: „אך זאת הפעם”. פּעם מיינט אויך אַ גלאָק. ער האָט געזאָגט אדם: „אָט איז זי, די, וואָס וועט מיר, ווי אַ גלאָק, דעם קאָפּ פאַרקלונגען.”

און פאַרוואָס האָט גאָט חוהן באַשאַפן פון אדמס ריפּ, ניט פון קיין אַנדער אבר זיינעם? ער האָט זי ניט געוואָלט באַשאַפן פון אדמס קאָפּ, כדי זי זאָל דעם קאָפּ אירן ניט האַלטן פאַרריסן, זי זאָל זיך ניט גרויס האַלטן. פון זיין אויג — האָט ער זי ניט גע־

וואָלט באַשאַפן, כדי זי זאָל ניט זיין נייגעריק צו זען אַלץ. פון זיין האַרץ האָט ער זי ניט געוואָלט באַשאַפן — כדי זי זאָל קיין בעל מקנא ניט זיין. פון דער האַנט זיינער האָט ער זי ניט געוואָלט באַשאַפן — כדי זי זאָל ניט ליב האָבן אַלץ מיט דער האַנט צו באַרירן. פון זיינע פיס האָט ער זי ניט געוואָלט באַשאַפן — כדי זי זאָל ניט זיין קיין אַרומלויפערקע. פון זיין אויער האָט ער זי ניט געוואָלט באַ־שאַפן — כדי זי זאָל ניט ליב האָבן קיין רכילות צו הערן. פון מויל זיינעם האָט ער זי ניט געוואָלט באַשאַפן — כדי זי זאָל ניט רעדן קיין סך.

אָט אַזוי פאַרזיכטיק איז דער באַשעפער געווען, ווען ער האָט חוהן באַשאַפן.

און נאָך אַלעם דעם געפינען זיך דאָך אָט די דאָזיקע אַלע גוטע מעלות ביי דער פרוי.

און באַלד נאָכדעם ווי חוה האָט פון „עץ הדעת" געגעסן, האָט זי זיך זייער געשראָקן, זי זאָל ניט שטאַרבן, למאי זי האָט עובר געווען אויף גאָטס געבאָט. איז זי געגאַנגען צו אדמען און איז צו־געשטאַנען צו אים, ער זאָל אויך עסן פון די פרוכט פון בוים. זי האָט געזאָגט צו אים: „וואָס מיינסטו, איך וועל שטאַרבן, און גאָט וועט פאַר דיר אַ נייע חוה באַשאַפן?"

פאַרוואָס גייט אַרום דער מאַן מיט אַן אָפגעדעקטן קאָפּ און די פרוי גייט אַרום מיט אַ צוגעדעקטן קאָפּ?

דאָס איז אַ משל צו איינעם, וואָס האָט אַן עבירה געטאָן, — שעמט ער זיך פאַר מענטשן. אָט דערפאַר גייט די פרוי דעם קאָפּ צוגעדעקט.

און פאַרוואָס גייען די פרויען ביי אַ לויה פאַר די מענער?

ווייל זיי האָבן גורם געווען דעם טויט אויף דער וועלט — דערפאַר גייען זיי ביי אַ לויה אין פאָראויס.

און פאַרוואָס איז געגעבן געוואָרן דער פרוי די מצווה נדה?

דערפאַר וואָס זי האָט דאָס בלוט פון אדם הראשונען פאַר־גאָסן — דערפאַר איז איר די מצווה נדה געגעבן געוואָרן.

און פאַרוואָס איז איר די מצווה פון שבת־ליכט געגעבן געוואָרן?

דערפאַר וואָס זי האָט די נשמה פון אדם הראשונען אויסגע־לאָשן — דערפאַר איז איר די מצווה פון שבת־ליכט געגעבן געוואָרן.

און פאַרוואָס איז די פרוי ברייט פון אונטן און שמאָל פון

אויבן? כדי זי זאָל דאָס קינד, מיט וועלכן זי טראָגט, אין זיך קאָ־נען האַלטן.

און פאַרוואָס קען מען דעם מאַן גרינג איבעררעדן און דער פרוי קען מען ניט גרינג איבעררעדן?

דערפאַר ווייל אדם איז באַשאַפן געוואָרן פון ערד. און ערד — וויבאַלד מען גיסט נאָר אַרויף אויף איר אַ טראָפּן וואַסער — ווערט זי באַלד צעווייקט. און חוה איז באַשאַפן געוואָרן פון אַ ביין. און אַ ביין — דו זאָלסט אים אַפילו כמה טעג אין וואַסער ווייקן — וועט ער ניט צעווייקט ווערן.

און פאַרוואָס יאָגט זיך דער מאַן נאָך דער פרוי נאָך, און די פרוי יאָגט זיך ניט נאָך נאָך דעם מאַן?

אַ משל צו איינעם, וואָס האָט עפּעס פאַרלאָרן; גייט ער די אבידה זוכן. די אבידה גייט אָבער אים ניט זוכן.

„ויבן את הצלע״ — „ויבן״ באַדאַרף דאָ פאַרשטאַנען ווערן ניט נאָר אין זין פון לשון „בנה״ — בויען, נאָר אויך אין זין פון לשון „הבנה״ — פאַרשטאַנד. דער פסוק מיינט דאָ צו זאָגן, אַז גאָט האָט אַריינגעגעבן אין דער פרוי מער פאַרשטאַנד ווי אין דעם מאַן.

אַלץ איז געווענדט אין דער פרוי. וואָס זי וויל קאָן זי מאַכן פון איר מאַן. און דערפאַר שטייט: „עזר כנגדו״. אַז דער מאַן איז אַ בעל זוכה — איז די ווייב זיינע אים אַ הילף. אויב ניט — איז זי אים אַ שטערונג.

איינער אַ פרומער מאַן איז געווען פאַרהייראַט פאַר אַ זייער פרומער פרוי. האָבן זיי קיין קינדער ניט געהאַט. האָבן זיי געזאָגט: „מיר ברענגען דאָך קיין שום נוצן ניט פאַר גאָט.״

זיינען זיי געגאַנגען און האָבן זיך געגט.

איז דער מאַן געגאַנגען און האָט חתונה געהאַט פאַר אַ מרשעת — האָט זי אים געמאַכט פאַר אַ רשע. און די פרוי איז געגאַנגען און האָט חתונה געהאַט פאַר אַ רשע. האָט זי אים געמאַכט פאַר אַ צדיק.

רבי יעקב האָט געזאָגט: דער, וואָס האָט קיין פרוי ניט, ווייסט ער גאָר פון קיין גוטס ניט אויף דער וועלט. ער לעבט אַ לעבן, וואָס איז אָן הילף, אָן פרייד, אָן פרידן און אָן ברכה.

רבי חייא בן גמידא האָט געזאָגט: ער איז ניט ווערט אַפילו, ער זאָל מיט דעם נאָמען מענטש גערופן ווערן. וואָרום עס שטייט

געשריבן: „און ער האָט זיי געבענטשט און ער האָט זייער נאָמען אדם גערופן." ערשט זיי ביידע צוזאַמען, מאַן און פרוי צוזאַמען, ווערן אדם גערופן.

און רבי חגי האָט געזאָגט: בשעת די יידן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון גלות בבל, זיינען די געזיכטער פון זייערע פרויען שוואַרץ ווי קויל געוואָרן פון דער זון, וואָס האָט זיי געברענט.

האָבן זיי זייערע פרויען פאַרלאָזט און זיי זיינען געגאַנגען און האָבן זיך גענומען גוישע ווייבער.

זיינען געקומען די ערשטע פרויען זייערע און האָבן אַרומגעדינגלט דעם מזבח אין ירושלים און געוויינט און געקלאָגט.

האָט גאָט געזאָגט: „ווער וועט עס אָננעמען פון די יידן די קרבנות זייערע נאָכדעם וואָס זיי האָבן אַזויפיל געוויין און צער גורם געווען זייערע פרויען?"

קין און הבל

קין האָט געזאָגט צו זיין ברודער: „קום, לאָמיר זיך איינטיילן מיט דער וועלט." האָט הבל געזאָגט: „גוט". האָבן זיי זיך מיט דער וועלט צעטיילט. הבל האָט גענומען פאַר זיך די שאָף, און קין האָט גענומען פאַר זיך די ערד.

און באַלד נאָך דער חלוקה האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קריגן. דער האָט געזאָגט: „די ערד, אויף וועלכער דו שטייסט, געהערט צו מיר." און דער האָט געזאָגט: „די מלבושים, וואָס דו טראָגסט אויף זיך, געהערן צו מיר." דער שרייט: „טו אויס די מלבושים דיינע און דער שרייט: „פלי אין דער לופטן. דו שטייסט אויף מיין ערד".

און איינמאָל, ווען הבל האָט געפאַשעט די שאָף אויפן פעלד, איז אים קין באַפאַלן און האָט אים פון פעלד פאַריאָגט. ער האָט אים נאָכגעיאָגט פון באַרג צום טאָל און פון טאָל צום באַרג. און אַזוי לויפנדיק, זיינען זיי ביידע געפאַלן איינער איבערן אַנדערן.

און הבל איז שטאַרקער געווען פון קינען. איז קין געלעגן אונטער אים, און הבל האָט אים געשלאָגן.

האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן ביי הבלען: „הבל, מיין ברודער, טו מיר קיין בייז ניט. איך בין דיין בלוט און פלייש. האָב רחמנות אויף מיר. מיר זיינען דאָך נאָר צוויי אויף דער וועלט. וואָס וועסטו

דעם טאָטן זאָגן?" האָט זיך הבל דערבאַרימט איבער אים און האָט אים אָפּגעלאָזן. האָט זיך באַלד קין אַרויפגעוואָרפן אויף אים און האָט אים דערהרגעט. און ווי אַזוי האָט ער אים דערהרגעט? ער האָט אים געהאַלטן אין איין שלאָגן מיט שטיינער איבער דעם גאַנצן גוף. ער האָט אים פיל וואונדן געמאַכט אויף די הענט און אויף די פיס און אויף אַלע איבעריקע אברים זיינע. וואָרום ער האָט ניט געוואוסט, פון וואַנען די נשמה גייט אַרויס. ער האָט אים גע־שלאָגן דערפאַר איבער דעם גאַנצן גוף. און אַט אַזוי שלאָגנדיק אים, האָט ער אים איינמאָל דערלאַנגט מיט אַ שטיין איבערן האַלדז. איז אים באַלד די נשמה אַרויס, און זיין פאַרבלוטיקטער קערפּער איז טויט אויף דער ערד געבליבן ליגן.

און דערווייל איז דער קערפּער פון געהרגעטן הבל געלעגן אויף דער ערד אין פעלד. און דער געטרייער הונט זיינער, וואָס האָט געהיט די שאָף זיינע ביי זיין לעבן, האָט איצט אויך געהיט דעם טויטן קערפּער פון זיין בעל הבית, ער זאָל פון די חיות און די עופות ניט אויפגעגעסן ווערן.

און אַז אדם און חוה זיינען געוואויר געוואָרן פון דעם טויט פון זייער זון, זיינען זיי געקומען צום אָרט, וואו ער איז גע־לעגן, און זיי זיינען געזעסן איבער דעם טויטן קערפּער זיינעם און האָבן געוויינט און געטרויערט.

און זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זייער טויטן זון. וואָרום ביז דאַן איז נאָך ניט אויסגעקומען זיי צו באַגראָבן קיינעם. וואָרום ביז דאַמאָלט איז נאָך קיינמאָל קיין מענטש ניט געשטאָרבן.

און ווי זיי זיינען אַזוי געזעסן, איז געקומען אַ ראַב, וואָס זיין חבר איז ביי אים יענעם טאָג געשטאָרבן, און האָט אויסגעגראָבן אַ גריבל אין דער ערד, און גענומען דעם חבר זיינעם און באַהאַלטן אים דאָרט פאַר זייערע אויגן און פאַרדעקט צוריק דאָס גריבל מיט ערד.

האָט זיך דאַן אדם אָנגערופן צו חוהן: „ווי דער דאָזיקער ראַב האָט מיט זיין חבר געטאָן, אַזוי וועל איך אויך מיט מיין זון טאָן".

האָט ער אויך באַלד אַ קבר אויסגעגראָבן, ווי דער ראַב האָט געטאָן, און האָט גענומען הבלס טויטן קערפּער און אַריינגעלייגט אים אַהין און באַהאַלטן אים דאָרט.

און פון דעמאָלט אָן זיינען זיך נוהג די מענטשן, זיי זאָלן זייערע מתים אין דער ערד באַהאַלטן.

און אַז קין האָט דערהרגעט הבלן, האָט ער געזאָגט צו זיך: „איך וועל אַנטלויפן פון טאַטע־מאַמע. וואָרום זיי וועלן נאָך פון מיר זיין בלוט פאָדערן. וואָרום עס איז דאָך קיין אַנדערער ניטאָ אויף דער וועלט, וואָס האָט אים געקענט הרגענען".

האָט זיך באַלד צו אים גאָט באַוויזן און געזאָגט צו אים: „פון דיינע עלטערן קענסטו אַנטלויפן. פון מיר אָבער קענסטו ניט אַנט־לויפן".

און ער האָט ווידער געזאָגט צו אים: „אַז ווי איז הבלען, וואָס ער האָט אויף דיר רחמנות געהאַט און האָט דיך ניט געהרגעט, אַז דו ביסט געלעגן אונטער אים. און ער האָט געקענט טאָן מיט דיר, וואָס ער האָט געוואָלט.

גאָט האָט געזאָגט צו אים: „דאָס קול פון בלוט פון דיין ברו־דער שרייט צו מיר פון דער ערד אַרויס". אַ משל צו איינעם וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין אַ פּרוכט גאָרטן און האָט געקליבן דאָרטן קאַרשן און געגעסן זיי. איז דער בעל הבית פון גאָרטן אים נאָכגעלאָפן און האָט געזאָגט צו אים: „וואָס האָסטו אין דיין האַנט"? זאָגט ער צו אים: „איך האָב גאָר ניט אין האַנט". זאָגט ער צו אים: „אָט זיינען דאָך דיינע הענט אויסגעשמירט פון די קאַרשן, וואָס דו האָסט געגעסן". אַזוי דאָ אויך. קין האָט געזאָגט צו גאָט: „השומר אחי אנכי"? האָט אים גאָט געזאָגט: „רשע, דאָס קול פון בלוט פון דיין ברודער שרייט צו מיר פון דער ערד אַרויס".

און גאָט האָט אים פאַרשאָלטן ער זאָל נע ונד זיין אויף דער וועלט.

און באַלד ווי קין איז פון גאָט אַוועקגעגאַנגען — איז אומעטום, וואו ער איז געגאַנגען — האָט אונטער אים די ערד געציטערט און די אַלע חיות און בהמות פון וואַלד האָבן ציטערנדיק געפרעגט: „ווער איז דאָס?" און זיי האָבן געזאָגט איינע צו די אַנדערע: „קין איז דאָס. קין, וועלכער האָט געהרגעט הבל, זיין ברודער, און גאָט האָט אויף אים גוזר געווען, ער זאָל אַרומגיין נע ונד אויף דער וועלט". און זיי האָבן ווייטער געזאָגט: „לאָמיר צוקומען צו אים, צו קינען, און לאָמיר אים אויפעסן דערפאַר, וואָס ער האָט געהרגעט זיין ברו־

דער״. און זיי האָבן זיך צונויפגעקומען אַלע און זיינען צוגעקומען צו אים, קריצנדיק מיט די ציין, און האָבן אים אַרומגערינגלט.

און אין יענעם מאָמענט האָבן זיך טרערן געגאָסן פון קינס אויגן, און ער האָט זיך צו גאָט אָנגערופן: „אַוואו זאָל איך פון דיין שטראָף אַנטלויפן? אַוואו זאָל איך פון דיין צאָרן אַוועקגיין?״

האָט אים געמאַכט גאָט אַ צייכן אויף זיין שטערן, אַז קיינער זאָל אים קיין שלעכטס ניט טאָן אויף זיין וועג.

און נאָך אַן אַנדער פשט אויף „השומר אחי״:

קין האָט געזאָגט צו הקדוש ברוך הוא: השומר אחי אנכי? דו ביסט דער שומר כל הבריות — דער היטער פון די אַלע באַשעפענישן, וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט, און דו זוכסט אים גאָר ביי מיר.

משל, למה הדבר דומה, אַ משל, צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו אַ גנב, וואָס האָט געגנבעט כלים ביינאַכט, און ער איז ניט געכאַפּט געוואָרן. אויף מאָרגן האָט אים אָנגעכאַפּט דער וואַכמאַן און זאָגט צו אים: צו וואָס האָסטו געגאַנווערט די כלים? זאָגט ער צו אים: איך בין אַ גנב, האָב איך געטאָן דאָס, וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן לויט מיין פּראָפעסיע. דיין אַרבעט איז דאָך אָבער צו היטן דעם טויער, טאָ פאַרוואָס זשע האָסטו דיין אומנות פאַרנאַכלעסיקט? פאַר וואָס האָסטו ניט געטאָן דאָס, וואָס דו האָסט באַדאַרפט טאָן? פאַר וואָס האָסטו ניט געהיט דאָס, וואָס דו האָסט באַדאַרפט היטן.

אָט אַזוי האָט אויך קין געזאָגט: איך האָב אים געהרגעט, ווייל דו האָסט אין מיר אַ יצר הרע באַשאַפן. דו אָבער? וואָס איז מיט דיר געשען? דו ביסט דאָך דער היטער פון אַלעמען — טאָר פאַר וואָס זשע האָסטו מיך געלאָזט אים הרגענען? דו האָסט אים געהרגעט, ניט איך. ווארעם ווען דו וואָלסט געוועזן אָננעמען מיין קרבן, וואָלט איך ניט געוועזן געהאַט קיין קנאה אויף אים, וואָלט איך אים ניט געוועזן געהרגעט.

און וואָס האָט אים גאָט געענטפערט?

וואָס האָסטו געטאָן? דאָס קול פון בלוט פון דיין ברודער שרייט צו מיר פון דער ערד אַרויס.

האָט צו אים קין געזאָגט: איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך טו. איך האָב קיינמאָל קיין הרוג ניט געזען. פון וואַנען זאָל איך געוועזן

וויסן, אַז ווען איך וועל אים אַ קלאַפּ טאָן מיט אַ שטיין וועט ער אַ טויטער בלייבן ליגן?

און ווידער האָט ער געזאָגט פאַר אים: רבונו של עולם, וואָס? מוסרים האָסטו, וואָס קומען מסרן פאַר דיר אויף דעם מענטשן. מיין פאָטער און מוטער געפינען זיך אויף דער ערד, און זיי וויסן ניט, אַז איך האָב אים געהרגעט, און דו געפינסט זיך אין הימל, און דו ווייסט יאָ פון דעם.

האָט צו אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: שוטה, די גאַנצע וועלט טראָג איך דאָך אויף זיך. האָט ער געזאָגט צו אים: די גאַנצע וועלט טראָגסטו, נאָר מיין זינד קאָנסטו אויף זיך ניט טראָגן? איז אַזוי גרויס די זינד מיינע, אַז זי זאָל ניט קאָנען פאַרגעבן ווערן?

האָט צו אים הקדוש ברוך געזאָגט: דערפאַר, וואָס דו האָסט תשובה געטאָן — גיי און ווער פון דעם דאָזיקן אָרט פאַרטריבן און וואָגל איבער דער וועלט אַרום. און אַ צייכן וועל איך דיר אויף דיין שטערן געבן, כדי די, וואָס קאָנען דיר שלעכטס טאָן, זאָלן וויסן, אַז זיי טאָרן דאָס ניט טאָן.

„ויצא קין מלפני ה׳" — און קין האָט זיך אַרויסגעלאָזט ער זאָל נע ונד איבער דער וועלט אַרומגיין.

און מיט אַ פריילעך געמיט איז ער געגאַנגען.

און גייענדיק האָט ער באַלד אדם הראשונען באַגעגט. האָט ער געזאָגט צו אים: וואָס איז פון דיין משפט געוואָרן?

האָט קין צו אים געזאָגט: איך האָב תשובה געטאָן — און מיין זינד איז מיר פאַרגעבן געוואָרן. האָט זיך אדם הראשון איי־בערן פנים אָנגעהויבן שלאָגן, און ער האָט געזאָגט: אָט אַזוי גרויס איז דער כוח פון תשובה, און איך האָב גאָר נישט געוואוסט דערפון.

האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט באַלד אדם הראשון, און ער האָט געזונגען פאַר הקדוש ברוך „מזמור שיר ליום השבת"*), וואָס ער האָט אין אָט יענעם מאָמענט אימפּראָוויזירט, און וואָס איז נאָכדעם אין ספר תהלים אַריינגענומען געוואָרן.

---

*) תהלים, צ״ב.

פרשת נח

נח און דער מבול

ויִנחם ה׳ כי עשה את האדם — רבי יהודה און רבי נחמיה האָבן ביידע — יעדער איינער אויף אַן אַנדער אופן — איינגעטייטשט דעם דאָזיקן פסוק. רבי יהודה האָט איינגעטייטשט דאָס וואָרט „וינחם" פון לשון חרטה. גאָט האָט געזאָגט: איך האָב חרטה, וואָס איך האָב אים, דעם מענטשן, אויפן עולם התחתון באַשאַפן. וואָרעם ווען איך זאָל אים געווען אויפן עולם העליון באַשאַפן, וואָלט ער ניט געווען מורד געווען אין מיר. רבי נחמיה טייטשט איין דאָס וואָרט „וינחם" פון לשון נחמה, פון לשון טרייסטן. גאָט האָט געזאָגט: איך טרייסט זיך, וואָס איך האָב אים אויף דעם עולם השפל באַשאַפן. וואָרעם ווען איך זאָל אים געווען אויפן עולם העליון באַשאַפן, וואָלט ער געווען געבראַכט צו מרידה אַנטקעגן מיר אויך די, וואָס זיינען אויבן, ווי ער האָט איצט געבראַכט צו מרידה אַנטקעגן מיר די, וואָס זיינען אונטן.

רבי איבו זאָגט: וינחם מיינט — איך האָב חרטה, וואָס איך האָב אין אים אַ יצר־הרע באַשאַפן. וואָרעם ווען איך זאָל ניט געווען באַשאַפן אין אים קיין יצר־הרע, וואָלט ער ניט מורד געווען אין מיר.

„ויתעצב אל לבו" — אַן עובד־כוכבים און מזלות*). האָט גע־פרעגט רבי יהושע בן קרחה:

ער האָט געזאָגט צו אים: „זאָגט איר דען ניט, אַז הקדוש ברוך־הוא איז „הרואה את הנולד"? אַז ער זעט אין פאָראויס, וואָס עס באַדאַרף ערשט געשען?

האָט ער — רבי יהושע בן קרחה — געזאָגט צו אים: „יאָ."

האָט צו אים דער עובד־הכוכבים ומזלות געזאָגט: „שטייט דאָך: „ויתעצב אל לבו", אַז גאָט האָט געטרויערט. עס האָט אים באַנג געטאָן למאי ער האָט דעם מענטשן באַשאַפן. טאָ פאַרוואָס האָט ער אים באַשאַפן? ער האָט באַדאַרפט וויסן, אַז ער וועט עס באַדויערן"

האָט ער צו אים געזאָגט: „איז ביי דיר ווען אַ יינגל געבוירן גע־וואָרן?"

ענטפערט ער אים: „יאָ".

האָט ער געזאָגט צו אים: „וואָס האָסטו געטאָן דעמאָלט?"

האָט ער געזאָגט צו אים: „איך האָב זיך אַליין געפרייט און גע־מאַכט אַלעמען צו פרייען זיך."

---

*) דער, וואָס דינט צו שטערן און מזלות און אַ געצנדינער בכלל.

האָט ער געזאָגט צו אים: „און האָסטו דען ניט געוואוסט, אַז דער סוף זיינער וועט זיין צו שטאַרבן?"

האָט ער אים געענטפערט: „בשעת חדווה־חדוותה, בשעת מען פרייט זיך — פרייט מען זיך; בשעת מען טרויערט — טרויערט מען."

האָט רבי יהושע בן קרחה געזאָגט צו אים: „אַט אַזוי איז אויך מיט הקדוש ברוך־הוא געווען."

ביי דער מעשי־בראשית שטייט געשריבן: „יקוו המים", „יקוו" איז פון לשון „קו", אַ ריכט־שנור, אַ מאָס. גאָט האָט באַשטימט די וואַסערן, זיי זאָלן פאַר אים זיין די „מדה כנגד מדה", ער זאָל דורך זיי זיך אָפּרעכענען מיט די מענטשן.

אַ משל צו אַ מלך, וואָס האָט אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ און האָט אים באַזעצט מיט שטומע לאָקאַטאָרן, פלעגן די דאָזיקע לאָקאַטאָרן זיך פעדערן זיי זאָלן באַגריסן דעם מלך אויפן וואונק, דורך זייערע באַוועגונגען מיט די ליפּן און מיט דעם קאָפּ און מיט די הענט.

האָט דער מלך געזאָגט: מה־דאָך די, וואָס זיינען שטום, זיינען זיי זיך מקדים, זיי זאָלן אויפן וואונק כאָטש, מיט די פינגער זייערע שואל בשלומי זיין, היינט ווען זיי וואָלטן געקאָנט ריידן, וואָלטן זיי דאָך אוודאי אָפּגעהיט וועגן מיין כבוד וועגן געווען.

האָט ער, דער מלך, באַזעצט דעם פּאַלאַץ מיט מענטשן, וואָס קענען ריידן.

וואָס־זשע האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן פאַרכאַפּט דעם פּאַלאַץ. זיי האָבן געזאָגט: דער דאָזיקער פּאַלאַץ איז ניט דעם מלכס. אונזערער איז ער.

האָט דער מלך געזאָגט: זאָל דער פּאַלאַץ ווערן דאָס, וואָס ער איז פריער געווען.

אַט אַזוי איז פריער די לויב פון הקדוש־ברוך־הוא נאָר פון די וואַסערן געקומען — „מקולות מים רבים... אדיר במרום ה'" — פון דעם גערויש פון די פילע וואַסערן הערט זיך דער לויב: „מעכטיק איז גאָט אין הימל." האָט הקדוש ברוך־הוא געזאָגט: מה־דאָך די, וואָס עס איז ביי זיי קיין זאָגן, קיין ריידן ניט פאַראַן, לויבן מיך, וועל איך באַשאַפן דעם מענטשן, וועט ער מיך דאָך אוודאי לויבן.

וואָס איז אָבער געשען?

עס איז געקומען דער דור אנוש און האָט מורד געווען אין אים.

עס איז געקומען דער דור המבול און האָט אויך מורד געווען. דער דור הפלגה — און ער האָט אויך אין גאָט מורד געווען.

האָט הקדוש־ברוך־הוא געזאָגט: זאָלן די אַוועקגיין און זאָלן קומען צוריק אָט די יענע, וואָס האָבן זיך אומעטום פריער אויף דער וועלט געפונען.

און אָט דאָס איז עס, וואָס שטייט געשריבן: „ויאמר ה׳ אמחה את האדם אשר בראתי" — און גאָט האָט געזאָגט: איך וועל אָפּמעקן די מענטשן, וואָס איך האָב באַשאַפן. וואָס מיינען זיי, שטאַרק אָנשטרענגען באַדאַרף איך זיך, איך זאָל זיי זייער פאַרדינטע שטראָף געבן? איך האָב דאָך די וועלט נאָר מיט דעם דבור מיינעם באַשאַפן, וועל איך אַ וואָרט אַרויסברענגען און פאַרלענדן זיי פון דער וועלט. איך וועל הייסן די וואַסערן, זיי זאָלן זיך ווידער איבער דער וועלט פאַרשפּרייטן.

מאדם ועד בהמה, עד רמש ועד עוף השמים" — איך וועל אָפּמעקן פון אַ מענטשן ביז אַ חיה, ביז אַלע קריכיקע באַשעפענישן און ביז די פייגלען פון די הימלען. האָט רבי פּינחס געזאָגט: אַ משל צו אַ מלך, וואָס האָט חתונה געמאַכט זיין זון, האָט ער געמאַכט פאַר אים אַ חופּה. ער האָט זי אויסגעקאַלירט און אָפּגעפאַרבט און מיט פאַר־שיידענע געמעלן זי באַצירט. נאָכדעם איז ער אין כעס געוואָרן אויף זיין זון און ער האָט אים געהרגעט. וואָס־זשע האָט ער געטאָן? ער איז אַריינגעקומען אונטער דער חופּה און ער האָט אָנגעהויבן ברעכן דאָרטן די פלעקער און רייסן די פאָרהאַנגען און איינוואַרפן די ווענטלעך. ער האָט געזאָגט, דער מלך: איך האָב דאָך די גאַנצע חופּה צוגעגרייט נאָר צוליב מיין זון, איצט, אַז מיין זון איז אומגעקו־מען — ווי קאָן די דאָזיקע חופּה עקזיסטירן בלייבן? אָן אַנדער טעם פאַרוואָס הקדוש־ברוך־הוא האָט אויך די עופות־השמים אומגעבראַכט — ווייל דורך זיי זיינען די רשעים פון יענעם דור נאָך מער געשטרויכלט געוואָרן, זיי זאָלן זיך גרויס האַלטן. ווארעם זיי פלעגן זיין געהאַרכזאַם צו זיי. אַז איינער האָט געהאַט אַ פויגל, פלעגט ער אים אָפּלאָזן, זאָגנדיק צו אים: „גיי, ווער נאָך מער פעט, וועסטו נאָכדעם צו מיר קומען. פלעגט דער פויגל אַוועק אויף אַ צייט און איז נאָך מער פעט געוואָרן, און נאָכדעם איז ער אַליין צוריקגעקומען צום מענטשן, וואָס האָט אים פריער געכאַפּט.

„ונח מצא חן בעיני ה׳" — און נח האָט געפונען חן אין די אויגן פון גאָט. און דער פסוק, וואָס גייט פריער ענדיגט זיך מיט די ווער־

טער: „כי נחמתי כי עשיתים" — וואָרעם איך באַדויער, וואָס איך האָב זיי באַשאַפן. באַציען זיך די דאָזיקע ווערטער אויך אויף נחן. אפילו נח, וואָס איז איבערגעבליבן, איז אויך ניט קיין זכאי געווען. און אויב ער איז ניצול געוואָרן, איז דאָס נאָר, ווייל „ונח מצא חן בעיני ה׳ *) און דעריבער שטייט געשריבן: „איש צדיק תמים היה בדורותיו" — נח איז אַ מענטש אַ צדיק, אַ פרומער געווען אין די דורות זיינע. דאָס מיינט, אַז נאָר פאַר זיינע דורות איז ער געווען אַ צדיק, ווען ער וואָלט אָבער געווען אין משהס דור, אָדער אין שמואלס דור, וואָלט ער ניט געווען קיין צדיק. אין אַ גאַס פון בלינדע רופט מען דעם בלינדלעכן „סגי נהור" — ווייל זיי זיינען אינגאַנצן בלינד, איז ער ביי זיי אַ זעענדיקער. אַ משל צו איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ קעלער מיט וויין. האָט ער אויפגעעפנט איין פאַס — איז זי אַ זויערע געווען; אַ צווייטע — איז אויך געווען אַזוי, האָט ער אויפגעעפנט די דריטע — איז זי געווען זויערלעך. האָט מען אים געזאָגט: זי איז זויערלעך. האָט ער געזאָגט: איז דאָ פאַראַן אַ בעסערע פון דער? האָט מען אים געזאָגט: ניין. האָט ער געזאָגט: אַנטקעגן די פריערדיקע, וואָס זיינען עסיק, איז די שוין וויין.

רבי נחמיה טייטשט אײן אַנדערש דעם „בדורותיו": מה־דאָך אין זיינע דורות איז ער געווען אַ צדיק, איז ווען ער זאָל געווען זיין אין משהס דור אָדער אין שמואלס דור, וואָלט ער אוודאי געווען אַ צדיק. אַ משל צו אַ בתולה, וואָס האָט זיך געפונען בשוק של זנות, אין אַ גאַס, וואו זונות האַלטן זיך דאָרטן אויף און עס איז אויף איר קיין שם רע ניט אַרויסגעגאַנגען — איז ווען זי וואָלט זיך געפונען בשוק של כשרות, וואו כשרע, עהרלעכע פרויען געפינען זיך — וואָלט אויף איר אוודאי קיין שם־רע ניט אַרויסגעגאַנגען. אַזוי איז דאָ אויך. מה־דאָך אין זיינע דורות איז ער אַ צדיק געווען, וואָלט ער דאָך על אחת כמה וכמה אַ צדיק געווען, ווען ער וואָלט זיך געווען געפונען אין די דורות פון משהן אָדער פון שמואלן.

און די אַלע הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס גאָט האָט באַשטימט צו וואַרטן מיט דעם ברענגען פון גזר־דין זיינעם אויף די מענטשן, האָט נח געהאַלטן אין איין פלאַנצן טענענבוימער און אַלע מאָל אויס־

---

*) דאָס הייסט: גאָט האָט זיך צו אים מיט אַ ספּעציעלן חסד באַצויגן.

רייסן זיי ווידער. פלעגן אים די מענטשן פרעגן: צו וואָס טוסטו דאָס? האָט ער זיי געענטפערט: אָט אַזוי האָט דער האַר פון דער וועלט געזאָגט: איך וועל אַ מבול ברענגען אויף דער וועלט. זיי האָבן זיך אָבער דאָס צום האַרצן ניט גענומען און האָבן ניט חוזר בתשובה געווען. זיי פלעגן זאָגן צו אים: אויב עס וועט אַ מבול קומען, וועט ער ניט קומען נאָר אויף דעם הויז פון דעם דאָזיקן מאַן אַליין. און אַז מתושלח, נחס זיידע, איז געשטאָרבן, האָבן זיי געזאָגט: אָט איז טאַקי דער אומגליק אויף דעם הויז פון דעם דאָזיקן מאַן געקומען.

און גאָט האָט זיי געגעבן נאָך זיבן טעג. די זיבן טעג פון אבלות אויף מתושלחן, אַז זיי זאָלן תשובה טאָן. זיי האָבן אָבער אויך איצט ניט תשובה געטאָן.

און אין די דאָזיקע אַלע זיבן טעג פון אבלות אויף מתושלח הצדיק האָט גאָט געטרויערט אויף דער וועלט איידער ער האָט דעם מבול געבראַכט.

„בעצם היום הזה בא נח אל התבה." — האָט רבי יוחנן געזאָגט: הקדוש ברוך־הוה האָט געזאָגט: ווען נח זאָל אַריינגיין אין דער תבה ביינאַכט, וואָלטן די אַלע בני דורו — די מענטשן פון זיין דור — געזאָגט: מיר האָבן דאָך ניט געוואוסט, אַז ער וויל אין תבה אַריינקומען. ווען מיר וואָלטן עס געווען וויסן, וואָלטן מיר אים ניט געווען געלאָזט אַריינקומען אַהין. דערפאַר שטייט געשריבן, אַז אין מיטן העלן טאָג איז נח אין תבה אַריינגעגאַנגען.

און בשעת די תורה דערציילט אונז, אַז גאָט האָט געהייסן נחן אַריינגעמען אין דער תבה פון די אַלערליי פאַרשיידענע מינים חיות און עופות, זעען מיר, אַז זי האָט געשריבן איבעריקע דריי ווערטער, כדי זי זאָל ניט דאַרפן שרייבן אַן אומריין וואָרט. נאָכדעם ווי זי שרייבט פריער: „מכל הבהמה הטהורה תקח לך שבעה שבעה, איש ואשתו" — פון די אַלע ריינע פי זאָלסטו אַריינעמען צו זיבן: אַן ער און אַ זי — וואָלט זי באַדאַרפט שרייבן דאָרט, וואו זי רעדט וועגן בהמות טמאות: „ומן הבהמה הטמאה שנים שנים איש ואשתו" —— און פון די אומריינע פי צו צוויי, אַן ער און אַ זי. זי שרייבט אָבער ניט אַזוי, נאָר וואָס דען? זי שרייבט: „ומן הבהמה אשר לא טהורה היא", אַנשטאָט „הטמאה". זי שרייבט מיט דריי ווערטער מער, נאָר כדי זי זאָל אַן אומריין וואָרט, דאָס וואָרט „טמאה" אויסמיידן.

און די אַלע צוועלף חדשים, וואָס נח האָט זיך געפונען אין דער תבה, האָט ער ניט באַדאַרפט האָבן דאָס ליכט פון דער זון בייטאָג און

ניט דאָס ליכט פון דער לבנה ביינאַכט אויף צו וויסן ווען עס איז טאָג און ווען עס איז נאַכט. נאָר וואָס דען? אַ פּערל האָט ער געהאַט, וואָס ער האָט אויפגעהאַנגען אין דער תבה. איז בשעת דער פּערל איז געווען פינצטער, האָט ער געוואוסט, אַז עס איז דעמאָלט טאָג, און בשעת דער פּערל האָט געשיינט, האָט ער געוואוסט, אַז עס איז נאַכט.

און אַז נוח האָט אַרויסגעשיקט דעם ראָב צו זען ווי עס האַלט אויף דער ערד מיט דעם וואַסער פון מבול האָט ער — דער ראָב פּראָטעסטירט און האָט אָנגעהויבן צו פרעגן קשיות נוחן: פון די אַלע חיות און עופות האָסטו שוין קיינעם ניט געפינען ווען צו שיקן נאָר מיך? און נוח האָט אים געענטפערט: אויף וואָס דען דאַרף דיך די וועלט האָבן, אַז צו עסן טויגסטו ניט און פאַר אַ קרבן ברענגען קען מען דיך אויך ניט.

און עס שטייט געשריבן: „והנה עלה זית טרף בפיה" — און אַן אָפּגעריסן אוילבערט בלאַט איז געווען אין איר מויל. רבי ברבי האָט געזאָגט: די טויערן פון גן עדן האָבן זיך געעפנט פאַר דער טויב און פון דאָרטן האָט זי דעם אוילבירט בלאַט געבראַכט.

און פאַרוואָס האָט זי דווקא אַן עלה זית געבראַכט? פון גן עדן וואָלט זי דאָך אַ פּיל בעסערע זאַך געוווען געקענט ברענגען. נאָר וואָס דען? זי האָט דערביי אַ געדאַנק געהאַט: זי האָט דערמיט ווי געזאָגט צו נוחן: עס איז בעסער צו האָבן אַ ביטערע בלאַט, וואָס איז פון גאָט געגעבן, איידער, די בעסטע שפּייז, וואָס קומט פון דער האַנט פון אַ בשר ודם.

„ויחל נח איש האדמה" — פאַרוואָס האָט ער געהייסן נח איש האדמה? ווייל ער האָט צוריקגעגעבן דעם ריכטיקן פנים דער ערד, נאָך דעם חורבן, וואָס עס איז אויף איר געקומען דורך דעם מבול.

און פאַרוואָס האָט ער געהייסן נח? ווארעם בשעת גאָט האָט באַשאַפן אדם הראשון, האָט ער אים שליטה געגעבן איבער אַלץ. די קו איז געהאָרכזאַם געווען צו דעם, וואָס האָט געאַקערט מיט איר, און די בייטן, וואָס ער האָט געאַקערט, זיינען אים געהאָרכזאַם געווען. נאָכדעם אָבער ווי ער האָט געזינדיקט, האָבן זיי אַלע מורד געווען אין אים. די קו איז ניט געהאָרכזאַם צום אַקערער געוועזן, און די די בייטען זיינען אים ניט געהאָרכזאַם געווען. אַז נח איז אָבער גע־

---

*) תהלים, צ״ב.

קומען, האָבן זיי זיך באַרואיקט. דערפאַר האָט ער געהייסן „נח". נח איז פון לשון „מנוחה".

דער דור המבול און דער דור הפלגה

פון דור המבול איז קיין שריד ופליט ניט געבליבן, און פון דור הפלגה איז יאָ איבערגעבליבן. פאַר וואָס? נאָר וואָס דען? דער דור המבול — דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען איינגעטונקען אין גזילה — דעריבער איז פון זיי קיין שריד ופליט ניט איבערגעבליבן. די אָבער — דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך ליב געהאַט, ווי עס איז געשריבן: „ויהי כל הארץ שפה אחת" — עס איז אויף דער גאַנצער ערד איין שפּראַך געווען — דערפאַר זיינען זיי ניט אומגעקומען אַלע.

רבי זאָגט: גרויס איז דער ענין פון שלום, אַז אפילו ווען די יידן דינען די עבודה זרה, איז אויב עס איז נאָר פאַראַן שלום צווישן זיי, זאָגט הקדוש ברוך הוא: איך קען ניט שולט זיין אויף זיי, איך זאָל זיי טאָן שלעכטס. ווארעם עס איז געזאָגט געוואָרן: „חבור עצבים אפרים, הנח לו", ווען אפרים דינט אַפילו די עצבים — די עבודה זרה — לאָז אים אָפּ. טו אים ניט קיין שלעכטס, אויב זיי זיינען נאָר „בחבור" איינער מיט דעם אַנדערן. אויב זיי לעבן נאָר אין שלום צווישן זיך.

די מתנה פון שטן

און אַז נח האָט אָנגעהויבן פלאַנצן דעם ווייַנגאָרטן, איז געקומען דער שטן און האָט זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט. ער האָט געזאָגט צו אים: „וואָס פלאַנצסטו דאָס?"

האָט ער אים געענטפערט: „אַ ווייַנגאָרטן". האָט צו אים דער שטן געזאָגט: „וואָס איז דאָס אַזוינס אַ ווייַנגאָרטן?"

האָט נח געזאָגט צו אים: די פּירות, וואָס וואַקסן אין אים, זיינען זיס און געשמאַק, סיי ווען זיי זיינען פייכט, סיי ווען זיי זיינען טרוקן, און מען קען פון זיין ווייַן מאַכן, וואָס מאַכט דערפרייען דאָס האַרץ פון מענטשן.

האָט דער שטן צו אים געזאָגט: „איך וואָלט וועלן אַ שותף ווערן צו דער אַרבעט דיינער. וואָלסטו וועלן, מיר זאָלן ביידע צוזאַמען דיביימער פלאַנצן?" ענטפערט ער אים: „יאָ".

וואָס זשע האָט דער שטן געטאָן?

ער האָט געבראַכט אַ לעמעלע און האָט דאָרט אין ווייַנגאָרטן נעבן איינעם פון די פאַרפלאַנצטע ווייַנשטאָק-ביימער געשחטן. נאָכדעם איז

ער געגאַנגען און האָט געבראַכט אַ לייב, און ער האָט אויך אים אויף דעם זעלבן אָרט געשחטן. נאָכדעם האָט ער געבראַכט אַן אַף, וועלכן ער האָט ווידער אויף דעם זעלבן אָרט געקוילעט. נאָכדעם איז ער געגאַנגען און ער האָט געבראַכט אַ חזיר. האָט ער מיט דעם חזיר אויך דאָס זעלבע געטאָן, וואָס ער האָט מיט די פריערדיקע באַשע־פענישן געטאָן.

נאָכדעם האָט ער געבראַכט אַ גרויסן עמער, און דאָס גאַנצע בלוט, וואָס עס האָט זיך אויף אָט יענעם אָרט געפונען, האָט ער אין אים אַריינגעסאָן און ער האָט עס דאָרטן גוט צוזאַמענגעמישט. נאָכדעם האָט ער דאָס בלוט איבער דעם גאַנצן באָדן פון גאָרטן צעגאָסן, און ער האָט מיט דעם אויך דיביימער באַשפּריצט.

און נאָכדעם ווי ער האָט אָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען. און גייענדיק האָט ער צו זיך געמורמלט: ערשט איצט וועט איר די אמתע ברכה פון וויין וויסן. אָט האָב איך אייך די פיינע מתנה געגעבן.

און פון דאַן אָן געשעט עס אַזוי:

ווען אַ מענטש טרינקט איין גלאָז וויין אויס, איז ער דאַן צאַרט און מילד און מיט הכנעה פול, ווי אַן אומשולדיק לעמעלע. ער לאָזט זיך דאַן באַהערשן פון אַלעמען, און ער אַליין וויל איבער קיינעם ניט הערשן. ווען ער טרינקט נאָך אַ גלאָז וויין אויס, ווערט ער גרויס ביי זיך און שטאָלץ ווי אַ לייב, און ער הויבט זיך אָן צו באַרימען, אַז קיינער קען זיך צו אים ניט גלייכן, און ער וואָלט רק וועלן דאַן צו באַהערשן און באַצווינגען אַלעמען.

און אַז ער האָט שוין דריי אָדער פיר גלעזער וויין אויסגע־טרונקען, ווערט ער שוין דאַן אין אַן אַף פאַרוואַנדלט. ער הויבט אָן צו טאַנצן און צו שפּרינגען און נאַריש מאַכן זיך פאַר אַלעמען אין די אויגן, און ער ווייסט גאָר ניט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך.

און נאָכדעם, ווי ער ווערט שוין גאָר גוט שכור, ווערט ער שוין גאָר אין אַ חזיר פאַרוואַנדלט. ער פאַלט פון די פיס און וואַלגערט זיך אין שמוץ און אין בלאָטע ווי אַ חזיר, און ער האָט שוין גאָר אינגאַנצן קיין בזיון ניט.

אָט אַזוי איז עס פון דעם שטנס שותפות ביים פלאַנצן דעם ערשטן ווייגאָרטן אויף דער וועלט, ניט נאָר אַ ברכה, נאָר אויך אַ קללה דורך דעם וויין פאַר דעם מענטשן געקומען.

פרשת לך לך

אברהם אבינו

רבי חייא, דער זון פון רב אדו פון יפו, האָט געזאָגט: תרח פלעגט מאַכן געצן און פאַרקויפן זיי.

איין מאָל האָט ער באַדאַרפט ערגעץ אַוועקפאָרן. האָט ער אַוועקגעזעצט אברהמען אויף זיין אָרט, ער זאָל די געצן פאַרקויפן. פלעגט ער פרעגן יעדן איינעם, וואָס איז געקומען קויפן אַ געץ, וויפיל ער איז אַלט. פלעגט אים יענער ענטפערן, אַז ער איז אַלט פופציק אָדער זעכציק יאָר. פלעגט אברהם אויסשרייען דעמאָלט: „אַז ווי איז צו דעם דאָזיקן מענטשן. זעכציק יאָר איז ער אַלט: וויל ער זיך בוקן צו דעם געץ, וואָס איז ערשט אַ טאָג אַלט.“

פלעגט יענער זיך פאַרשעמען זייער שטאַרק און אַוועקגיין.

איין מאָל איז געקומען אַ פרוי וואָס האָט געטראָגן מיט זיך אַ גרויסע שיסל מיט זעמלמעל.

זי האָט געזאָגט צו אים: „נאַ, גיב דאָס אַ מתנה צו די געצן“.

איז ער געגאַנגען און האָט גענומען אַ שטעקן אין דער האַנט און האָט מיט אים די אַלע געצן צעבראָכן.

נאָך דעם האָט ער גענומען דעם שטעקן און האָט אים אַריינגעשטעקט אין דער האַנט פון דעם עלטסטן וואָס איז צווישן זיי געווען.

אַז דער פאָטער זיינער איז געקומען, האָט ער געפרעגט אברהמען: „ווער האָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן?“

האָט אברהם אים געענטפערט: „וואָס זאָל איך פון דיר פאַרלייקענען? אַ פרוי איז געקומען און האָט געבראַכט מיט זיך אַ שיסל מיט זעמל־מעל. זי האָט צו מיר געזאָגט: נאַ דערלאַנג זיי די מתנה. האָב איך זיי דערלאַנגט. איז באַלד געוואָרן אַ קריג צווישן זיי. איינער האָט געזאָגט: איך וויל עסן פריער; אַ צווייטער האָט געזאָגט: איך וויל עסן פריער. האָט זיך אויפגעהויבן אָט דער, וואָס איז דער עלטסטער צווישן זיי, און גענומען דעם שטעקן אין האַנט און אָנגעהויבן זיי אַלעמען צו שלאָגן“.

האָט דער פאָטער זיינער געזאָגט צו אים: „וואָס פאַר אַ קאַטאָוועסן טרייבסט עס מיט מיר? צי ווייסן זיי דען פון עפּעס?“

האָט אברהם צו אים געזאָגט: „פאַרוואָס זשע זאָלן ניט הערן די

אויערן דיינע דאָס, וואָס דאָס מויל דיינס זאָגט? אויב זיי ווייסן פון גאָרניט, פאַרוואָס זשע גלויבסטו אין זיי?״

האָט ער אים גענומען תּרח און איבערגעגעבן צו נמרודן.

האָט נמרוד געזאָגט צו אים:

— לאָמיר זיך בוקן צום פייער.

ענטפערט אים אברהם:

— לאָמיר זיך בעסער בוקן צום וואַסער, וואָס פאַרלעשט דאָס פייער.

זאָגט צו אים נמרוד:

— נו, לאָמיר זיך בוקן צום וואַסער.

ענטפערט אים אברהם:

— אויב אַזוי, לאָמיר זיך גאָר בוקן צום וואָלקן, וואָס טראָגט אין זיך דאָס וואַסער.

האָט נמרוד צו אים געזאָגט:

— לאָמיר זיך בוקן צום וואָלקן.

ענטפערט אים אברהם:

— אויב אַזוי, לאָמיר זיך בוקן צום ווינט, וואָס צעטראָגט דעם וואָלקן.

זאָגט נמרוד צו אים:

— לאָמיר זיך בוקן צום ווינט.

ענטפערט אים אברהם:

— טאָ לאָמיר זיך בעסער בוקן צום מענטשן, וואָס האַלט אין זיך איין דעם ווינט.*)

האָט נמרוד זיך אָנגערופן צו אים:

— פּוסטע רייד רעדסטו. איך בוק זיך ניט נאָר צום פייער. אָט וועל איך דיך אין פייער אַריינוואַרפן, און זאָל קומען דער גאָט דיינער, וואָס דו בוקסט זיך צו אים, און זאָל ער דיך מציל זיין פון דאָרטן.

און הרן, אברהמס ברודער, איז דאָרטן די גאַנצע צייט געשטאַנען און האָט זיך מיט דער דעה געשלאָגן, מיט וועמען ער זאָל האַלטן.

נאָכדעם האָט ער געזאָגט צו זיך: ממה נפשך, אויב אברהם וועט מנצח זיין, וועל איך זאָגן, אַז איך בין מיט אברהמען. אויב נמרוד וועט מנצח זיין, וועל איך זאָגן, אַז איך בין מיט נמרודן.

---

*) „שהוא מלא נקבים ואין הרוח יוצא ממנו״. ער איז פול מיט אויסהיילונגען — און האַלט איין דעם אָטעם אין זיך.

און אַז אברהם איז ניצול געוואָרן פון דעם קאַלך־אויוון, וואו מען האָט אים אַריינגעוואָרפן, האָט מען אים געפרעגט: „מיט וועמען ביסטו?״

האָט ער געזאָגט: „מיט אברהמען בין איך.״

האָבן זיי אים גענומען און אַריינגעוואָרפן אין פייער.

זיינען באַלד זיינע געדערים אין אים פאַרברענט געוואָרן און אַ מלאך איז געקומען און אים אַרויסגענומען פון דאָרטן און אַ וואָרף געטאָן אַ טויטן נעבן תרחן.

און דערפאַר שטייט געשריבן: „וימת הרן על פני תרח אביו.״ *)

און פאַר וואָס איז תרח געשטאָרבן איידער אברהם האָט פאַרלאָזן זיין געבורטס־שטאָט?

וואָרום אברהם האָט מורא געהאַט און געזאָגט: „אַז איך וועל פאַרלאָזן מיין געבורטס־שטאָט, קען נאָך דורך מיר צו חלול שם שמים קומען. מען וועט זאָגן: „ער האָט זיין אַלטן פאָטער איבערגעלאָזט און איז אַוועקגעגאַנגען.״ דערפאַר האָט גאָט מקדים געווען די מיתה פון תרחן פאַר דער יציאה פון אברהמען פון דער געבורטס־שטאָט זיינער.

און פריער נאָך האָט גאָט געזאָגט צו איהם: „איך באַפריי דיך פון כבוד אָב ואם. קיין אַנדער מענטשן באַפריי איך פון דעם ניט. דיך אָבער באַפריי איך.״

און ער האָט אויך פּחד געהאַט אברהם מחמת דעם, וואָס ער איז אין די יונגע יאָרן אַן עובד עבודה זרה געווען. ער האָט געזאָגט: אפשר האָב איך אַ זינד אויף זיך, וואָס איך בין אַן עובד עבודה זרה געווען אַט יענע אַלע יאָרן.

האָט צו אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „טל ילדותך״ — ווי דער טוי אויף דער ערד איז די קינדהייט דיינע. אַזוי ווי דער דאָזיקער טוי אין דער פרי פליט אַוועק באַלד און בלייבט ניט, אַזוי זיינען אויך דיינע זינד פון דיך אַוועקגעפלויגן. זיי זיינען מער ניטאָ מיט דיר. אַזוי ווי דער דאָזיקער טוי איז אַ סימן ברכה פאַר דער וועלט, אַזוי ביסטו אויך אַ סימן ברכה פאַר דער וועלט. גיי וואַנדער אַרום פון איין אָרט אין צווייטן, כדי דיין נאָמען זאָל זיך אויף דער וועלט פאַר־שפּרייטן, אַזוי ווי בוימל גוטער, וואָס פאַרשפּרייט דעם גוטן ריח זיינעם אומעטום, ווען מען נעמט אים אַרויס פון דעם קרן זוית, וואו ער האָט זיך פריער געפונען, מען זאָל אים איבער די הויפן אַרומטראָגן.

---

*) ער איז נעבן תרחן אַ טויטער געלעגן.

און גאָט האָט צו אים געזאָגט: „והיה ברכה" — ביז איצט האָב איך באַדאַרפט בענטשן די וועלט מיינע. פון איצט אָן און ווייטער וועלן די ברכות איבערגעגעבן ווערן צו דיר אין די הענט און וועמען דו וועסט געפינען פאַר ראוי, ער זאָל געבענטשט ווערן — וועסטו אים בענטשן. אברהם האָט מיט זיך די אַלע ברכות פאַר דער וועלט געהאָט. אַז אברהם האָט מתפלל געווען פאַר די עקרות — זיינען זיי אויפגעריכט געוואָרן. אויף די קראַנקע — זיי זיינען געזונט געוואָרן. ער פלעגט אַפילו ניט דאַרפן גיין צום קראַנקן, ער זאָל אים בענטשן. אַז דער קראַנקער האָט אים נאָר געזען, איז ער שוין געזונט געוואָרן. רבי חנינא האָט געזאָגט: אַפילו די שיפן וואָס פלעגן זיך אַוועקלאָזן אויפן ים הגדול פלעגן אין זיין זכות ניצול ווערן.

און גרויס איז געווען די פרייד פון אברהמען, ווען גאָט האָט אים געזאָגט, ער זאָל גיין קיין ארץ ישראל. אויף אים איז געזאָגט געוואָרן: „אלין במדבר סלה". ער האָט געזאָגט: עס איז בעסער צו נעכטיקן אין די מדבריות פון ארץ ישראל איידער אין די פּאַלאַצן פון חוץ לארץ.

און דעריבער שטייט געשריבן: „וילך אברהם כאשר דבר אליו ה'." כאשר דבר מיינט — באַלד, ווי ער האָט צו אים גערעדט. נאָכ־דעם, ווי עס איז אים געגעבן געוואָרן רשות דערויף, איז ער געגאַנגען באַלד.

און עס שטייט געשריבן: „ואת הנפש אשר עשו בחרן."

האָט רבי אלעזר בר זוטרא געזאָגט: ווען די אלע באַי עולם זאָלן זיך צונויפנעמען, זיי זאָלן באַשאַפן דעם קלענסטן מוק אַפילו, וואָלטן זיי אין אים קיין נשמה ניט געקענט אַריינגעבן — און דאָ שטייט „ואת הנפש אשר עשו בחרן". נאָר וואָס דען? דער דאָזיקער פסוק גייט אויף די גרים, וואָס זיי האָבן מגייר געווען. עס שטייט עשו, כדי צו לערנען דיך, אַז דער וואָס איז מקרב אַן „עובד כוכבים" און איז אים מגייר, איז גלייך, ווי ער האָט אים באַשאַפן.

און דערפאַר שטייט עשו*), ניט „עשה". וואָרום אברהם האָט מגייר געווען די מאַנסבילן און שרה — די פרויען.

און בשעת אברהם איז געגאַנגען אויף דעם וועג זיינעם איבער ארם נהרים און ארם נחור, האָט ער געזען די מענטשן דאַרטן עסן און טרינקען

*) עשה איז לשון יחיד: עשו — לשון רבים.

און אין ליידיק־גיין פֿאַרברענגען, האָט ער געזאָגט: הלואי זאָל ניט מיין חלק זיין אין דעם דאָזיקן לאַנד.

אַז ער איז אָבער צוגעקומען צום באַרג אַרויפֿגאַנג פֿון צור — האָט ער זיי געזען מתעסק זיין זיך מיט פֿאַרזייען די ערד, ווען מען האָט זי פֿאַרזייען באַדאַרפֿט, מיט אַקערן זי, ווען מען האָט זי אַקערן באַדאַרפֿט, האָט ער געזאָגט דעמאָלט: הלואי זאָל אין דאָזיקן לאַנד מיין חלק זיין.

און בשעת גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען, אַז ער וועט חרוב מאַכן סדום ועמורה, האָט צו אים אברהם געזאָגט: דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו וועסט קיין מבול ניט ברענגען אויף דער וועלט. פֿאַר וואָס זשע ווילסטו מיט ערמה דיין שבועה אַרומגיין? דו ברענגט ניט קיין מבול פֿון וואַסער, ברענגסטו אַ מבול פֿון פֿייער. אויב דו וועסט עס טאָן, וועט עס הייסן, אַז דו האַלטסט ניט די שבועה דיינע. דו באַדאַרפֿסט ניט מיט דין מיט דער וועלט זיך באַגיין. אויב דו ווילסט אַ וועלט האָבן, קענסטו קיין דין ניט האָבן. און אויב דו ווילסט דין האָבן, קענסטו קיין וועלט ניט האָבן. דו ווילסט די שטריק ביי ביידע עקן האַלטן. דו ווילסט אי אַ וועלט האָבן, אי דין האָבן. נעם דיר איינס פֿון די ביידע. אויב דו וועסט ניט נאָכגעבן אַ ביסל, וועט די וועלט זיך ניט קענען האַלטן.

און דערפֿאַר שטייט: „השופט כל הארץ לא יעשה משפט.״*) אברהם האָט געזאָגט צו גאָט, ער זאָל זיך ניט מיט דין מיט דער וועלט באַגיין.

און נאָכדעם ווי אברהם האָט אויסגעהרגעט די חילות, וואָס האָבן גענומען געפֿאַנגען לוטן מיט זיינע מענטשן, האָט ער זיך געשראָקן און געזאָגט: אפֿשר איז געווען צווישן די דאָזיקע אַלע מענטשן, וואָס איך האָב אויסגעהרגעט, איין צדיק, איין ירא שמים. אַ משל צו איינעם, וואָס איז פֿאַרבייגעגאַנגען דעם גאָרטן פֿון מלך, האָט ער דערזען אַ בינטל דערנער אין גאָרטן. איז ער אַריינגעגאַנגען אַהין, ער זאָל עס אַרויס־

*) לויט דעם איינפֿאַכן פּשט דאַרף פֿאַרשטאַנען ווערן די דאָזיקע פֿראַזע בלשון בתמיה. זי באַדאַרף זיך לייענען מיט אַ פֿראַגע־צייכן. לויט זייער דרשה אָבער באַדאַרף זי זיך לייענען בניחותא — אָן קיין פֿראַגע־צייכן.

בעמען פון דאָרטן. האָט דער מלך אַרויסגעקוקט פון פענצטער און דערזען אים. אַז יענער האָט דערזען דעם מלך, האָט ער זיך אָנגעהויבן באַהאַלטן פאַר אים.

האָט ער געזאָגט צו אים: פאַרוואָס באַהאַלטסטו זיך פאַר מיר? איך וואָלט דאָך געוועזן באַדאַרפט דינגען אַרבעטער, זיי זאָלן די דערנער פון דעם גאָרטן צונויפקלייבן. איצט אַז דו האָסט זיי אויסגעראַמט — קום און נעם דעם לוין דיינעם.

אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו אברהמען: אָט די מענטשן, וואָס דו האָסט געהרגעט, — זיינען דערנער, דערנער שטעכיקע געוועזן.

פרשת וירא

סדום

האָט רבי לוי געזאָגט: גאָט האָט אַזוי געזאָגט: אַפילו ווען איך וואָלט שוין וועלן פאַרשווייגן די אַלע זינד זייערע, די קריוודע פון דער מיידל לאָזט זיך אָבער ניט פאַרשווייגן.

עס איז אַ מעשה געווען מיט צוויי מיידלעך חברטעס, וואָס זייַנען געגאַנגען פון ברונעם טרינקען און וואַסער אויף אַהיים צו ברענגען פון דאָרטן אָנשעפּן.

האָט דאָן איינע פון זיי צו איר חברטע געזאָגט: „פאַר וואָס זעט דער פּנים דייַנער אַזוי קרענקלעך אויס הייַנט?"

האָט יענע געענטפערט: „איך בין שוין כמעט אַ נוטה למות. וואָרום שוין לאַנג, אַז די גאַנצע שפּייַז איז ביי מיר אויסגעגאַנגען."

האָט די ערשטע אָנגעפילט איר קרוג מיט מעל און האָט זי דער צווייטער מיידל אָוועקגעגעבן, און ביי איר די ליידיקע קרוג אירע גענומען, אין וועלכער זי האָט פאַר זיך וואַסער אָנגעשעפּט.

און געמיינט האָבן זיי, אַז די שטאָט-לייט וועלן זיך ניט דערוויסן דערפון.

זיי האָבן זיך אָבער דערפון יאָ דערוואוסט.

האָבן זיי גענומען דאָס מיידל, וואָס האָט אויף איר חברטע רחמנות געהאַט, און אין פייער, וואָס זיי האָבן פאַר דעם צוועק געמאַכט, זי פאַרברענט.

דאַן האָט גאָט געזאָגט: ווען איך וואָלט אַפילו געקענט פאַרשווייגן די אַלע אַנדערע זינד זייערע; ווען איך וואָלט וועלן אַפילו אומ-באַשטראָפט זיי לאָזן פאַר אָט יענע זינד — די נבלה אָבער, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן מיט דער מיידל, לאָזט מיר ניט שווייגן; פאַר דער נבלה מוזן זיי זייער פאַרדינטע שטראָף באַקומען. און דערפאַר שטייט: „הכצעקתה באה אלי עשו." עס וואָלט דאָך באַדאַרפט שטיין: „הכצעקה" — ווי דער געשריי. טאָ פאַר וואָס שטייט: „הכצעקתה" — ווי דער געשריי אירער? נאָר וואָס דען? דער פּסוק מיינט דאָ דעם גוואַלד-געשריי פון אָט יענער מיידל.

און אומזיסט שטראָפט ניט גאָט דעם מענטשן.

אויך לוטס ווייב האָט כשר פאַרדינט די שטראָף אירע, וואָס עס

איז פון איר אַ באַרג זאַלץ געוואָרן. זי האָט זיך אַ סך פּיינע מדות טובות פון די איינוואוינער פון סדום אָפּגעלערנט, און האָט זיי אַ סך אַרויסגעהאָלפן, זיי זאָלן קענען זייער רשעות קעגן מענטשן באַגיין.

רבי יצחק האָט געזאָגט: פאַר וואָס איז פון איר אַ באַרג זאַלץ געוואָרן? ווייל מיט זאַלץ האָט זי געזינדיקט.

וואָס האָט זי געטאָן?

בשעת די מלאכים האָבן זיך געפונען ביי איר אין הויז, ווען זיי זיינען געקומען קיין סדום, איז זי אַרומגעלאָפן צו אַלע אירע שכנות און געהאַלטן אין איין בעטן זיי: גיט מיר אַ ביסל זאַלץ, וואָרום מיר האָבן געסט אין אונזער הויז.

די כוונה אירע איז געווען, צו לאָזן וויסן אַזוי אַרום די שטאָט־מענטשן וועגן די געסט, וואָס זיינען צו איר געקומען.

איז „מדה כנגד מדה". מיט זאַלץ האָט זי געזינדיקט, און מיט זאַלץ איז זי באַשטראָפט געוואָרן. ווי אין פּסוק שטייט: „ותבט אשתו מאחריו" — ותהי נציב מלח" — און זיין ווייב האָט זיך אומגעקוקט — און עס איז פון איר אַ זייל זאַלץ געוואָרן.

עקידת יצחק

„ויהי אחר הדברים האלה והאלקים נסה את אברהם" — און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע רייד האָט גאָט געפּרואווט אברהמען. גאָט פּרואווט די צדיקים כדי ער זאָל זיי גרויס מאַכן אויף דער וועלט, כדי דער אמת פון דעם מדת הדין זאָל באַוויזן ווערן אויף דער וועלט. וואָרום אַז איינער וועט צו דיר זאָגן: גאָט טוט נאָר וואָס אים געפעלט, ווען ער וויל רייך מאַכן — מאַכט ער רייך; ווען ער וויל אָרעם מאַכן — מאַכט ער אָרעם; ווען ער וויל מאַכן פאַר אַ מלך — מאַכט ער פאַר אַ מלך. אברהמען — אַז ער האָט געוואָלט, האָט ער געמאַכט פאַר אַ מלך; אַז ער האָט געוואָלט, האָט ער אים געמאַכט פאַר אַן עושר. אַז איינער וועט צו דיר אַזוי זאָגן — קענסטו אים אָפּענטפערן און זאָגן צו אים: קענסטו טאָן דאָס, וואָס אברהם אָבינו האָט געטאָן?

און אַז ער וועט צו דיר זאָגן: וואָס האָט אברהם געטאָן אַזוינס? — זאָלסטו צו אים זאָגן: „ואברהם בן מאה שנה בהולד לו" — אברהם איז אַלט געווען הונדערט יאָר, אַז יצחק איז ביי אים געבוירן געוואָרן. נאָך אָט דעם גאַנצן צער, פונדעסטוועגן אַז עס איז צו אים געזאָגט

געוואָרן: קח את בנך, את יחידך — נעם דיין זון, דעם איינציקן דיינעם — האָט ער באַלד מקיים געווען וואָס גאָט האָט אים געהייסן.

און עס שטייט געשריבן: „ה׳ צדיק יבחן ורשע ואוהב חמס שנאָה נפשו״ — גאָט פּרוּווט דעם צדיק, און דעם רשע און דעם וואָס האָט ליב רויב האָט ער פיינט. גאָט פּרוּבירט ניט די רשעים, וואָרים ער ווייסט, אַז זיי וועלן די פּראָבעס ניט קענען אויסהאַלטן. וואָרום עס איז געשריבן: „והרשעים כים נגרש״ — און די רשעים זיינען ווי דער ים אויפגעבּרויזט. נאָר וועמען דען פּרוּווט ער? די צדיקים. דערפאַר שטייט: „ה׳ צדיק יבחן״. אָט אַזוי ווי דער טעפּער, אַז ער פּרוּבירט די כלים זיינע, וואָס ער נעמט פון זיין אויוון אַרויס, פּרוּבירט ער ניט די שוואַכע פון זיי, וואָס מיט איין מאָל אָנקלאַפּן אויף זיי קען ער זיי צעבּרעכן. נאָר וואָסערע דען כלים פּרוּווט ער? די שטאַרקע, וואָס אַז ער קלאַפּט אויף זיי אַפילו עטלעכע מאָל — ווערן זיי ניט צעבּראָכן: אָט אַזוי שטעלט אויך ניט גאָט די רשעים צו נסיון, נאָר די צדיקים.

רבי אלעזר האָט געזאָגט: צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו אַ בעל־הבית, וואָס האָט געהאַט צווײ קי: איינע, וואָס איז פיל כח באַזעסן, און איינע, וואָס האָט ווייניק כח געהאַט. אויף וועמען לייגט ער דעם עול אַרויף? ניט אויף דער, וואָס באַזיצט פיל כח?

און גאָט האָט געשטעלט צו נסיון אברהמען באַלד נאָכדעם, וואָס די מלאכי השרת האָבן מקטרג געווען און געזאָגט: אָט דער אברהם האָט אַליין געפּרייט זיך און אויך אַלעמען פרייען זיך געמאַכט, און פאַר הקדוש ברוך הוא האָט ער קיין איין אָקס און קיין איין ווידער אַפילו ניט אַוועקגעגעבן. הקדוש ברוך הוא האָט זיך דעמאָלט אָנגערופן צו זיי: אָט וועט איר זען, אַז ער וועט זיך ניט אָפּזאָגן דעם זון זיינעם אַפילו מקריב צו זיין פאַר מיר, ווען איך וועל אים הייסן, ער זאָל אים מיר פאַר אַ קרבן ברענגען.

און דער דאָזיקער נסיון איז פאָרגעקומען אויך נאָך די דיני דברים, וואָס זיינען געווען צווישן יצחק און ישמעאלן. ישמעאל האָט געטענהט צו יצחקן, אַז ער שטייט העכער פאַר אים. „וואָרום מיך האָט מען מל געווען ווען איך בין שוין 13 יאָר אַלט געווען. איך האָב זיך ניט געוועהרט, כאָטש איך האָב געהאַט ביד צו ווערן זיך. וואָרום איך בין שוין אַ גרויסער געווען. דיך האָט מען אָבער מל געווען, ווען דו ביסט נאָר אַכט טאָג אַלט געווען, ווען דו האָסט זיך ווערן ניט געקענט.״ האָט יצחק אים געענטפערט: „אַלץ, וואָס דו האָסט הקדוש ברוך הוא געגעבן איז — דריי טראָפּן בלוט. אָט בין איך איצט זיבן און דרייסיק יאָר

אַלט, פונדעסטוועגן הלואי וואָלט זיך הקדוש ברוך הוא באַוויזן צו מיר און מיר געזאָגט, איך זאָל זיך לאָזן אָפּשניידן איינעם פון די אברים מיינע, ווי איך וואָלט דאָס מקיים געווען באַלד. הלואי וואָלט ער פאַרלאַנגען פון מיר, איך זאָל זיך לאָזן קוילען, ווי איך וואָלט זיין באַפעל באַלד מקיים געווען."

און אַז הקדוש ברוך הוא האָט די דאָזיקע רייד געהערט — איז באַלד „והאלקים נסה את אברהם". ער האָט געזאָגט הקדוש ברוך הוא: איצט איז די ריכטיקע צייט, איך זאָל אברהמען צו נסיון שטעלן.

האָט ער געזאָגט צו אים: „קח את בנך, את יחידך, אשר אהבת." גאָט האָט געזאָגט צו אים: איך בעט דיך, נעם דעם זון דיינעם. האָט אברהם צו אים געזאָגט: „איך האָב צוויי זין. וועלכן זאָל איך נעמען?" זאָגט גאָט צו אים: „את יחידך" — דיין איינציקן. ענטפערט אים אברהם: „דער איז ביי זיין מוטער אַן איינציקער, און דער איז ביי זיין מוטער אַן איינציקער". האָט צו אים גאָט געזאָגט: „אשר אהבת" — אָט דעם וואָס דו האָסט ליב. ענטפערט אים אברהם: „זיינען דען אין האַרצן באַזונדערע גרענעצן פאַראַן פאַר דער ליבע פון אַ פאָטער צו זיינע קינדער?" האָט ער געזאָגט צו אים: „את יצחק" — יצחקן.

„וישא אברהם את עיניו וירא את המקום מרחוק" — און אברהם האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און געזען דאָס אָרט פון דערווייטנס. וואָס האָט ער געזען אַזוינס, דורך וועלכן ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָרטן איז דער באַרג, וואָס גאָט האָט אים געהייסן מקריב זיין יצחקן אויף אים פאַר אַ קרבן? ער האָט געזען אַ וואָלקן אין באַרג אַנגעקניפּט. האָט ער געזאָגט: עס זעט אויס, אַז דאָרטן איז דאָס אָרט, וואָס גאָט האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל מיין זון מקריב זיין דאָרטן. האָט ער זיך אָנגערופן באַלד צו יצחקן: „זון מיינער, זעסטו דאָס וואָס איך זע?" האָט יצחק געזאָגט: „יאָ." האָט ער זיך אָנגערופן נאָכדעם צו די צוויי קנעכט זיינע, וואָס זיינען געגאַנגען מיט אים: „זעט איר דאָס וואָס איך זע?" האָבן זיי געזאָגט: „ניין." האָט ער געזאָגט: „היות דאָס אייזל זעט ניט און איר זעט ניט — טאָ זיצט זשע דאָ מיט דעם אייזל." און דערפאַר שטייט: „שבו לכם פה עם החמור."

און בשעת זיי זיינען — אברהם מיט יצחקן — אין וועג געגאַנגען, איז צוגעקומען סמאל צו אברהם אָבינו, און ער האָט געזאָגט צו אים: אַלטער, אַלטער, דו האָסט דאָס האַרץ דיינס פאַרלאָרן. אַ זון, וואָס איז

דיר צו הונדערט יאָר געבאָרן געוואָרן, גייסטו אים קוילען? זאָגט ער צו אים: אַוודאי טו איך דאָס. איך גיי גאָטס ווילן טאָן.

האָט סמאל געזאָגט צו אברהמען: און אַז ער וועט דיך נאָך צו מער נסיונות שטעלן — וועסטו דען קענען עומד בנסיון זיין?

האָט ער צו אים געזאָגט: יאָ, ווי גרויס די נסיונות זאָלן ניט זיין.

און אַז ער האָט געזען, אַז ער האָט ביי אברהמען גאָר ניט געקענט פועלן, איז ער געגאַנגען צו יצחקן.

ער האָט געזאָגט צו אים: זון פון דער אומגליקלעכער מוטער, ער גייט דאָך דיך קוילען.

האָט ער געזאָגט צו אים: זאָל גאָטס ווילן געשען.

האָט סמאל געזאָגט צו יצחקן: די דאָזיקע אַלע טייערע זאַכן, וואָס די מוטער דיינע האָט געמאַכט פאַר דיר, וועלן די ירושה פאַר ישמעאלן דעם פאַראַכטעטן זיין. אַרט דאָס דיר גאָר ניט?

און רייד, אויב זיי גייען ניט אינגאַנצן אַריין צו יענעם אין האַרצן— גייען זיי אויף אַ העלפט אַריין.

און דאָס איז דאָס, וואָס שטייט געשריבן: „ויאמר יצחק אל אברהם אביו: אָבי.״ פאַר וואָס שטייט צוויי מאָל לשון אב? צו ווייזן, אַז ער האָט צו אים צוויי מאָל אָבי געזאָגט, כדי ער זאָל נתמלא רחמים איבער אים ווערן.

דאָס איז אָבער נאָר אויף אַ מאָמענט געווען. ער האָט זיך באַלד באַפרייט פון דער ווירקונג פון די דאָזיקע רייד. ווי אין פסוק שטייט: „וילכו שניהם יחדיו״ — זיי זיינען ביידע אינאיינעם געגאַנגען. אַזוי ווי אברהם איז בלב שלם געגאַנגען צו בינדן יצחקן צו קוילען אים, אַזוי איז יצחק בלב שלם געגאַנגען צו לאָזן זיך בינדן, צו לאָזן זיך קוילען.

און בשעת אברהם האָט געוואָלט בינדן יצחקן זיין זון, האָט צו אים יצחק געזאָגט: טאַטע, איך בין דאָך שוין אַ בחור פון זיבן און דרייסיק יאָר. איך האָב מורא, טאָמער וועט מיין גוף אַ ציטער טאָן פון פחד פאַר דעם מעסער און איך וועל דיר צער גורם זיין, טאָמער וועט דורך דעם פסול ווערן די שחיטה און זי וועט דיר ניט פאַר אַ קרבן פאַר־רעכנט ווערן. זע דו זאָלסט מיך בינדן גוט. איז באַלד „ויעקוד את יצחק״. וואָרום ווי קען מען דען בינדן אַ זיבן און דרייסיק יעריקן מאַן, אויב ניט מיט זיין אייגענעם ווילן?

און אַז אברהם האָט אויסגעשטרעקט די האַנט זיינע צו נעמען דעם מעסער, האָבן אים גערונען טרערן פון די אויגן, און די טרערן זיינען

אַריינגעפאַלן אין די אויגן פון יצחקן. אַזוי גרויס איז געווען דער רחמנות פון טאַטן. און פונדעסטוועגן האָט זיך דאָס האַרץ זיינס אָבער געפרייט צו טאָן דעם ווילן פון דעם באַשעפער זיינעם.

האָבן זיך דעמאָלט כתות, כתות פילע פון מלאכים אויבן צונויפ־געגומען און האָבן געשריען: צי וויל ער שוין דען מער ניט ירושלים און דעם בית המקדש, וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו מאַכן ירשנען צו יצחקס קינדער? אַז אברהמען איז דער זכות זיינער ניט בייגעשטאַ־נען, קען שוין קיין מענטש ביי אים קיין שום חשיבות ניט האָבן.

און אַז אברהם האָט געהערט די ווערטער „אל תשלח ידך אל הנער", האָט ער זיך אָנגעהויבן צו וואונדערן. ער האָט געטענהט צו גאָט: נעכטן האָסטו געזאָגט: „קח את בנך", און איצט זאָגסטו מיר: „אל תשלח ידך אל הנער". איך וואונדער מיך זייער.

האָט צו אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „אברהם, לא אחלל בריתי ומוצא שפתי לא אשנה" — איך וועל ניט פאַרשוועכן דעם אָפּמאַך מיינעם, און דאָס וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מיין מויל וועל איך ניט ענדערן. אַז איך האָב דיר געזאָגט: „קח את בנך", האָב איך דיר ניט געזאָגט: קוילע אים, איך האָב דיר נאָר געזאָגט: „העלהו" — ברענג אים אויף. לשם ליבשאַפט האָב איך דיר עס געזאָגט. איצט, אַז דו האָסט אים אויפגעבראַכט, האָסטו דערמיט שוין מקיים געווען וואָס איך האָב דיר געהייסן. נעם זשע אים דעריבער שוין אַראָפּ. אַ משל צו אַ מלך, וואָס האָט געזאָגט צו זיין פריינד: ברענג אַרויף דעם זון דיינעם אויף מיין טיש. האָט ער אים געבראַכט דער פריינד זיינער, און האָט אויך אַ מעסער מיט זיך מיטגעבראַכט. האָט צו אים דער מלך געזאָגט: צי האָב איך דיר דען געזאָגט, אַז דו זאָלסט אים אַרויפברענגען, איך זאָל אים עסן? איך האָב דאָך דיר נאָר געזאָגט: ברענג אים. נאָר מחמת דער ליבשאַפט, וואָס איך האָב אים ליב, האָב איך דאָס געזאָגט.

און אברהם האָט דעמאָלט פאַר גאָט געזאָגט: האַר פון דער וועלט, בשעת דו האָסט מיר געזאָגט: „קח את בנך, את יחידך" — האָב איך דיר געהאַט וואָס צו ענטפערן. איך האָב דיר געקענט ענטפערן: נעכטן האָסטו מיר געזאָגט: „כי ביצחק יקרא לך זרע", און איצט זאָגסטו מיר „קח את בנך, את יחידך". איך האָב אָבער חס ושלום ניט געטאָן אַזוי, נאָר איך האָב איינגעהאַלטן דעם רחמנות מיינעם, איך זאָל דיין ווילן טאָן. זאָל דעריבער דער ווילן דיינער זיין פאַר דיר, אַז בשעת יצחקס קינדער וועלן קומען לידי עבירות און מעשים שלעכטע, זאָלסטו זיך דערמאָנען אין דער עקידה און איבערפילט מיט רחמנות צו זיי ווערן.

פרשת חיי שרה

איידער איין צדיק גייט אַוועק ווערט אַן אַנדער צדיק געבוירן

„וזרח השמש ובא השמש" — און די זון גייט־אויף און די זון גייט־אונטער. האָט רבי בר כהנא געזאָגט: צי ווייסן מיר דען ניט, אַז די זון גייט־אויף און גייט־אונטער? צו וואָס דערציילט דאָס אונז דער פסוק? נאָר וואָס דען? דער פסוק מיינט דאָ צו זאָגן, אַז איידער הקדוש ברוך הוא מאַכט, אַז די זון פון אַ צדיק זאָל אונטערגיין, אַז זיין לעבן זאָל אויסגעלאָשן ווערן, מאַכט ער לייכטן די זון פון אַן אַנדער צדיק.

אין דעם טאָג, וואָס רבי עקיבא איז געשטאָרבן, איז רבנו הקדוש — רבי יהודה הנשיא — געבוירן געוואָרן. האָט מען אויף אים געזאָגט: „וזרח השמש ובא השמש". אינם טאָג, וואָס רבנו הקדוש איז געשטאָרבן, איז רב אדא בר אהבה געבוירן געוואָרן. האָט מען אויף אים דעם פסוק „וזרח השמש ובא השמש" געזאָגט. און אין דעם זעלבן טאָג, וואָס רב אדא בר אהבה איז געשטאָרבן, איז רבי אבון געבוירן געוואָרן. האָט מען אויף אים אויך „וזרח השמש ובא השמש" געזאָגט. אין דעם טאָג, וואָס רבי אבון איז געשטאָרבן, איז רבי אבון, זיין זון, געבוירן געוואָרן. אין דעם טאָג, וואָס רבי אבון דער צווייטער איז געשטאָרבן, איז אבא הושעיא איש טריאָ געבוירן געוואָרן.

איידער עס איז נאָך משהס זון אונטערגעגאַנגען, האָט יהושעס זון אָנגעהויבן צו לייכטן. איידער עס איז נאָך יהושעס זון אונטערגעגאַנגען איז די זון פון עתניאל בן קנז אויפגעגאַנגען. איידער די זון פון עתניאל בן קנז איז אונטערגעגאַנגען איז די זון פון עלי הכהן אויפגעגאַנגען. איידער די זון פון עלי הכהן איז אונטערגעגאַנגען, האָט די זון פון שמואל הנביא אָנגעהויבן צו שיינען.

און אָט אַזוי אויך: איידער נאָך עס איז גאָטס ווילן געווען, אַז די זון פון שרהן זאָל אונטערגיין, האָט ער די זון פון רבקהן געמאַכט שיינען. פריער דערציילט די תורה וועגן מלכהן, אַז „אויך מלכה האָט געבוירן קינדער", אויסרעכנדיק נאָכדעם די נעמען פון די נאָכקומערס זייערע, ביז זי קומט צו רבקהן, און נאָכדעם שטייט געשריבן:

„ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים" — אין די טעג פון שרהס לעבן זיינען געווען הונדערט און זיבן און צוואַנציק יאָר.

רבי עקיבא איז געזעסן און געדרשנט. האָט ער באַמערקט, אַז די צוהערער זיינע האָבן איינגעדרעמלט. האָט ער זיי געוואָלט וואַכזאַם מאַכן צו זיינע רייד. האָט ער זיך אָנגערופן: „פאַרוואָס איז דאָס גע־קומען אסתרן איבער זיבן און צוואַנציק און הונדערט מדינות צו קעניגען? נאָר וואָס דען? הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: זאָל קומען אסתר, וואָס זי איז אַן אור־אייניקל פון שרהן, וואָס האָט הונדערט און זיבן און צוואַנציק יאָר געלעבט, און איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות אַ קעניגען ווערן."

און עס שטייט געשריבן: „ויבוא אברהם לספור לשרה" — און אברהם איז געקומען שרהן צו באַקלאָגן. פון וואַנען איז ער גע־קומען? רבי לוי זאָגט: פון תרחס קבורה איז ער צו באַקלאָגן שרהן געקומען. האָט צו אים רבי יוסי געזאָגט: תרחס קבורה איז דאָך מיט צוויי יאָר פאַר שרהס קבורה פאַרגעקומען? נאָר וואָס דען? פון הר המוריה איז ער געקומען. און ווייל שרה איז דאָך פון אָט יענעם צער געשטאָרבן — פון צער פון דער עקידה — דערפאַר שטייט באַלד נאָך דער עקידה „ויהיו ימי חיי שרה".

און ווען אברהם איז געזעסן און האָט געטרויערט איבער שרהן, איז אים דער מלאך המות אין די אויגן געשפּרונגען און גערייצט זיך מיט אים: איבער דיר איז שרה געשטאָרבן. ווען ניט דו, וואָלט זי נאָך איצט געלעבט. און דערפאַר שטייט: „ויקם אברהם מעל פני מתו" — און אברהם איז אויפגעשטאַנען פון פאַר זיין טויטן. ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון דעם פאַרדרוס, אין וועלכן עס האָט אים אַריינגעבראַכט דער מלאך המות, טענהדיק צו אים, אַז זיין מת איז שרה, אַז צוליב אים איז זי געשטאָרבן.

און עס שטייט געשריבן: ותמת שרה בקרית ארבע" — און שרה איז געשטאָרבן אין קרית ארבע. לאָמיר נאָר זען: די דאָזיקע שטאָט האָט פיר נעמען געהאַט: אשכול און ממרא, קרית ארבע און חברון. און פאַרוואָס ווערט זי אין דער תורה קרית ארבע אָנגערופן? דערפאַר, וואָס עס האָבן אין איר פיר צדיקים געוואוינט: ענר, אשכול, ממרא און אברהם. און אין איר האָבן זיי זיך אַלע אויך מל געווען.

און עס איז נאָך אַן אַנדער טעם פאַראַן דערויף, וואָס די תורה רופט־אָן די דאָזיקע שטאָט קרית ארבע: דאָס איז דערפאַר, וואָס די קברים פון די פיר צדיקים, די אָבות פון דער וועלט, געפינען זיך דאָרטן. די קברים פון אָדם הראשון, אברהם, יצחק און יעקב. און אויך נאָך אַן אַנדער טעם איז דערויף פאַראַן: די קברים פון די פיר אמהות פון דער וועלט געפינען זיך דאָרטן: פון חוה און שרה, רבקה און לאה. זי ווערט אַזוי אָנגערופן אויך צוליב די פיר אייגנטימער אירע — ענק און זיינע דריי זין.

די זיסע, שיינע רייד פון עפרונען

און אַז אברהם איז געקומען צו די בני חת, האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט: „גר ותושב אנכי עמכם" — אַ גר און אַ תושב בין איך ביי אייך. אויב איר וועט מיר וועלן טאָן די טובה, וואָס איך בעט ביי אייך, וועל איך אייך זייער דאַנקבאַר זיין דערפאַר, ווי איך וואָלט דאָ טאַקע ניט מער ווי נאָר אַ פרעמדער געווען. אויב אָבער ניט, זאָג איך אייך, אַז דער אמתער תושב בין איך גאָר. איך בין דער אמתער בעל הבית איבער דעם דאָזיקן אָרט. וואָרים גאָט האָט מיר געזאָגט: „כי לזרעך נתתי את הארץ הזאת" — וואָרים צו דיינע קינדער האָב איך דאָס לאַנד אַוועקגעגעבן. און איך בעט ביי אייך ניט קיין סך. „תנו לי אחוזת קבר עמכם ואקברה את מתי מלפני" — איך בעט ביי אייך ניט מער, ווי נאָר, דאָס איר זאָלט מיר פאַר דעם מת מיינעם אַ פלאַץ פאַר אַ קבר געבן.

און זיי זיינען זייער גערירט געוואָרן פון זיינע רייד און האָבן אים געענטפערט: „שמענו, אדוני, נשיא אלהים אתה בתוכנו; במבחר קברינו קבור את מתך" — הער אונז נאָר אויס, מיין האַר, מיר וועלן נאָך מער, ווי דו בעטסט ביי אונז, דיר געבן; ווער דער קעניג אונ־זערער, דער נשיא איבער אונז; מיר וועלן דיך פאַר אונזער גאָט מאַכן. האָט ער זיי געענטפערט: זאָל די וועלט ביי איר אמתן קעניג זיך האַלטן. זאָל די וועלט דעם אמתן גאָט אירן ניט פאַרלאָזן. איך וויל מער גאָרנישט פון אייך, נאָר דאָס איר זאָלט דעם פאַרלאַנג מיינעם דערפילן.

האָבן זיי אים געענטפערט: ניט נאָר פאַר איין מת וועלן מיר דיר אַ קבר געבן, נאָר פאַר פילע מתים. „במבחר קברינו קבור מתך"*) —

*) דער נקוד פון תיו אין דעם וואָרט מתך איז אַ „סגול", וואָס דאָס וואָרט קאָן צוליב דעם אויך די באַדייטונג פון לשון רבים האָבן.

מיר וועלן דיר אַוועקגעבן פילע פון די בעסטע קברים, וואָס מיר האָבן.

און זיי האָבן אַלע אים גרויס כבוד אַרויסגעוויזן. זיי האָבן אַלע זייערע הייזער צוגעשלאָסן דאָן און געקומען גומל חסד זיין מיט אברהמען. מיר לערנען דאָס אַרויס פון דעם, וואָס עס שטייט געשריבן: „ויען עפרון החתי את אברהם באזני בני חת לכל באי שער עירו לאמר" — און עפרון החתי האָט געענטפערט אברהמען אַזוי, אַז אויך די אויערן פון די אַלע בני חת, וואָס זיינען צום טויער פון דער שטאָט זיינער געקומען, זאָלן זיינע רייד דערהערן, אַזוי צו זאָגן, זיי זיינען אַלע, הייסט עס, געווען דאַמאָלס אויפן פלאַץ פאַרזאַמלט.

און אויך עפרון האָט גרויס כבוד אַרויסגעוויזן אברהמען, ווען ער האָט פאַרהאַנדלט מיט אים וועגן דער מערת המכפלה. אָבער ער איז ניט געווען „תוכו כברו" — אינערלעך ווי אויסערלעך. מיטן מויל האָט ער זיסע, שיינע רייד גערעדט, אָבער אין האַרצן האָט ער אַלץ געטראַכט, ווי אַזוי ער זאָל פון אברהמען וואָס מער געלט קריגן. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט אים אַלץ גאָר אומזיסט אַוועקגעגעבן. בינו לבינו אָבער האָט ער טאַקע דעמאָלט, ווען ער האָט דעם דאָזיקן אָנשטעל געמאַכט, שוין אויך באַשטימט דעם פרייז, וואָס ער באַדאַרף קריגן. ער האָט צו אים געזאָגט: „לא, אדוני. שמעני: השדה נתתי לך והמערה, אשר בו, לך נתתיה. לעיני בני עמי נתתיה לך. קבור את מתך". — ניין, מיין האַר. הער מיך אויס. דאָס פעלד האָב איך דיר אַוועקגעגעבן און אויך די הייל, וואָס געפינט זיך דערינען, גיב איך דיר אַוועק. פאַר די אויגן פון די קינדער פון מיין פאָלק גיב איך דיר דאָס אַלץ אַוועק. באַגראָב דעם טויטן דיינעם.

און אַז עס האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, און אברהם האָט רק געטענהט, אַז ער וויל באַצאָלן פאַר אַלץ, שטייט נאָך דעם געשריבן: „ויען עפרון את אברהם, לאמר לו: אדוני, שמעני: ארץ ארבע מאות שקל כסף — ביני ובינך מה הוא? ואת מתך קבור" — און עפרון האָט געענטפערט אברהמען, אַזוי צו זאָגן: „מיין האַר, הער מיך אויס — אַ שטיקל ערד אין ווערט פון פיר הונדערט זילבערנע שקלים — וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עס ביי אונז ביידן? באַגראָב דעם מת דיינעם". איצט, צום סוף, האָט שוין עפרון אויך צוגעגעבן צום אָנשטעל זיינעם, אַז דאָס שטיקל ערד טרעפט אָן ארבע מאות שקל כסף: אַ קלאָרע אָנדייטונג, אַז אברהם זאָל זיך גאָר ניט ריכטן, אַז ער וועט אַלץ קאָנען איינהאַלטן פאַר אַ קלענערן פרייז.

און דערצו נאָך האָט אברהם באַדאַרפט ניט מיט לאָקאַלן געלט אים פאַר דער קניה צאָלן, נאָר מיט געלט, וואָס איז עובר לסוחר, וואָס גייט אומעטום. ווי עס שטייט געשריבן: „וישקול אברהם לעפרון ארבע מאות שקל כסף, עובר לסוחר" — און דאָס איז דאָס, וואָס שטייט געשריבן: „נבהל להון איש רע עין ולא ידע כי חסר יבואנו" — ער יאָגט זיך נאָך רייכטום דער מענטש מיט אַ בייזן אויג, און ער ווייסט ניט, אַז די מינערונג וועט אויף אים קומען. „נבהל להון איש רע עין" — די דאָזיקע ווערטער גייען אויף עפרונען, וואָס ער האָט אַ בייז אויג אויף דעם געלט פון דעם צדיק געהאַט. „ולא ידע כי חסר יבואנו" — און ער האָט ניט געוואוסט, אַז די תורה וועט ביי אים דערפאַר א וואַ"ו פון זיין נאָמען אַראָפּנעמען, און דאָס איז דאָס, וואָס עס שטייט געשריבן: „וישמע אברהם אל עפרון. וישקול אברהם אל עפרון" — און אברהם האָט אים געפאָלגט, עפרונען — און האָט עפרונען אָפּגעוואויגן דאָס געלט. דער צווייטער עפרון שטייט אָן אַ וואַ"ו.*)

עפרון ווערט צוליב אברהמען לגדולה נתעלה

און ווען ניט די איינוואוינער פון קרית ארבע, וואָלט ער, עפרון, טאַקע געווען אָפּגענאַרט אברהמען.

זיי האָבן געזאָגט צו אים: אויב דו וועסט אים ניט פאַרקויפן, וועלן מיר דיך אַראָפּוואַרפן פון דעם אַמט דיינעם. וואָרים אָט יענעם טאָג האָבן די איינוואוינער פון קרית ארבע געמאַכט אים פאַרן עלטסטן איבער זיך. גאָט האָט אַזוי מסבב הסיבות געווען פון אברהמס כבוד וועגן, כדי ער זאָל ניט דאַרפן פאַרהאַנדלען מיט אַ שפלן מענטשן.

רבי אליעזר האָט געזאָגט: וויפיל טינטן מען האָט עס באַדאַרפט פאַרגיסן און וויפיל פעדערן האָט מען עס באַדאַרפט צעברעכן אויף צו שרייבן אַזויפיל מאָל בני חת. צען מאָל שטייט געשריבן בני חת אַנטקעגן די עשרת הדברות: כדי צו לערנען אונז, אַז דער, וואָס העלפט דעם צדיק, ער זאָל ניט אָפּגענאַרט ווערן ביים קויפן עפּעס, איז גלייך ווי ער וואָלט די עשרת הדברות מקיים געווען.

און רבי אדן האָט צוגעגעבן צו דעם: פינף מאָל געפינען מיר

---

*) די גמטריא פון עפרן אָן אַ וואַ"ו באַטרעפט פונקט אַזוי פיל ווי די ווערטער 'רע־עין' — 400.

געשריבן ברזילי, ווען עס ווערט דערציילט, אַז ער האָט דודן מיט ברויט און וויין באַגעגנט — כדי צו לערנען אונז, אַז דער, וואָס גיט פון זיין ברויט צו אַ צדיק, איז גלייך, ווי ער וואָלט די חמשה חומשי תורה מקיים געווען.

עפרונס פעלד קריגט אויך דעם תיקון זיינעם

און דער פסוק זאָגט: „ויקם שדה עפרון". דאָס וואָרט ויקם דאָ האָט די באַדייטונג פון תקומה. דער פסוק מיינט צו זאָגן, אַז דאָס פעלד איז לידי תקומה געקומען, אַז עס האָט איצט זיין תיקון גע־קראָגן. פריער איז אויף דעם אַ נפילה געווען. אָבער איצט איז עס פון זיין נפילה דערהויבן געוואָרן. פריער האָט זיך עס אין די הענט פון אַ שפלן מענטשן געפונען, און איצט איז עס אין די הענט פון אַן אָדם גדול איבערגעגאַנגען.

און נאָכדעם שטייט: ואחרי כן קבר אברהם את שרה אשתו — און נאָכדעם האָט אברהם באַגראָבן שרהן, זיין ווייב. און דאָס איז עס, וואָס עס שטייט געשריבן: רודף צדקה וחסד ימצא חיים, צדקה וכבוד — דער, וואָס יאָגט זיך נאָך, ער זאָל צדקה געבן און חסד טאָן מיט מענטשן, וועט לעבן, צדקה און כבוד געפינען. רודף צדקה גייט אויף אברהמען, וואָס ער איז אַ רודף צדקה געווען, ווי עס איז געשריבן: „כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו אחריו, ושמרו דרך ה' לעשות צדקה". „אשר יצוה את בניו אחריו" — מיינט: ער וועט אָנזאָגן זיינע קינדער, אַז זיי זאָלן אין זיינע וועגן גיין, אין די זעלבע וועגן, וואָס ער איז אין זיי געגאַנגען ביי זיין לעבן — אין די זעלבע וועגן זאָלן אויך זיי גיין. און וואָס זיינען די דאָזיקע וועגן? „ושמרו דרך ה' לעשות צדקה" — אַז זיי זאָלן היטן דעם וועג פון גאָט, זיי זאָלן צדקה טאָן. „וחסד", און ער איז אויך אַ רודף חסד געווען. ער האָט מיט שרהן דעם לעצטן חסד געטאָן. ימצא חיים — און דערפאַר האָט ער צו אריכת ימים זוכה געווען. ווי דער פסוק זאָגט: „ושני חיי אברהם מאת שנה ושבעים שנה וחמש שנים"—און די לעבנס־יאָרן פון אברהמען זיינען געווען הונדערט יאָר און זיבעציק יאָר און פינף. צדקה וכבוד — און אויך צדקה און כבוד וועט ער דערגרייכן. וואָס מיינט דער צווייטער צדקה אין פסוק? — גאָט וועט אים עשירות געבן, ער זאָל קאָנען אַ בעל־צדקה זיין.

האָט רבי שמואל בר יצחק געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו אברהמען: מיין אומנות *) איז אַ גומל חסדים צו זיין. דו האָסט מיין אומנות אָנגענומען, קום דערפאַר און טו זיך אין מיינע מלבושים אָן. און דעריבער שטייט דער פסוק: „ואברהם זקן בא ימים״ באַלד נאָכדעם, ווי עס ווערט דערציילט, אַז ער האָט געבראַכט שרהן צו איר אייביקער רו. וואָרים אויף גאָט ווערט געזאָגט: „ועתיק יומין״ — דער אין יאָרן אַלטער.

*) מיין פאַך.

פרשת תולדות

יעקב און עשיו

ואלה תולדות יצחק בן אברהם — רבי שמואל ברבי יצחק האָט געזאָגט: אברהם איז ניט ניצול געוואָרן פון קאַלך־אויוון נאָר אין זכות פון יעקבן. אַ משל צו איינעם, וואָס דער הערשער פון אַ שטאָט האָט אים געמשפּט, און ער האָט זיין אורטייל איבער אים אַרויסגע־טראָגן, ער זאָל פאַרברענט ווערן. האָט דער דאָזיקער הערשער געזען דורך דער אַסטראָלאָגיע זיינער, אַז עס איז דעם פאַראורטיילטן באַ־שערט, עס זאָל פון אים געבוירן ווערן אַ טאָכטער, וואָס זי וועט התונה האָבן פאַר דעם מלך פון דער מדינה. האָט ער געזאָגט: דער פאַראורטיילטער פאַרדינט, ער זאָל ניצול ווערן אין זכות פון דער טאָכטער זיינער, וואָס וועט פון אים אַרויסקומען, און זי וועט פאַר דעם מלך חתונה האָבן. אַזוי איז דאָ אויך: ווען עס איז אַרויסגעגאַנגען דער גזר דין פון נימרודן, אַז אברהם זאָל פאַרברענט ווערן, האָט גאָט געזאָגט: איך זע דאָך, אַז פון אים דאַרף יעקב אַרויסקומען, פאַרדינט ער, אברהם, ער זאָל ניצול ווערן אין זכות פון יעקבן.

און דאָס איז עס, וואָס עס שטייט געשריבן: „לכן כה אמר ה׳ אל בית יעקב אשר פדה את אברהם" — דעריבער האָט אַזוי גאָט געזאָגט צום הויז פון יעקב, וואָס ער האָט אויסגעלייזט אברהמען: יעקב האָט אויסגעלייזט אברהמען.

ויתרוצצו

און אַז זיי — יעקב און עשיו — זיינען נאָך געווען אין זייער מאַמעס בויך, זיינען שוין געווען זייערע וועגן פאַרשיידן׳ שוין דעמאָלט איז דער געווען אַ צדיק און דער אַ רשע. אַז רבקה פלעגט פאַרבייגיין אַ שול, פלעגט יעקב זיך רייסן, ער זאָל זיך אַרויסשפּאַרן פון זיין מאַמעס בויך. און אַז זי פלעגט פאַרבייגיין די עבודה זרה הייזער, פלעגט זיך עשיו רייסן, ער זאָל פון זיין מוטערס בויך אַרויסגיין.

און דערפאַר שטייט „ויתרוצצו הבנים בקרבה" — „ויתרוצצו":

זיי זיינען געלאָפן. דער איז צו גאָט געלאָפן און דער איז געלאָפן צו דער עבודה זרה.

און קליינערהייד האָבן זיי ביידע איין דערציאונג געהאַט. ביז דרייצן יאָר זיינען זיי ביידע לבית הספר געגאַנגען און פון בית הספר געקומען... נאָך דרייצן יאָר האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז זייערע וועגן זיינען פאַרשיידן. יעקב האָט אָנגעהויבן גיין לבתי מדרשות און עשיו האָט אָנגעהויבן לבתי עבודה זרה צו גיין. אַ משל צו אַן הדס און אַ דאָרן, וואָס זיינען געוואַקסן אינאיינעם, איינער איבער דעם אַנדערן. אַז זיי זיינען אויסגעוואַקסן און האָבן זיך פאַנאַנדערגעבליט, האָט דער אָנגעהויבן זיין גוטן ריח אַרויסצוגעבן, און דער די דערנער זיינע.

און דאָס איז דאָס וואָס שטייט געשריבן: „ויגדלו הנערים — ויהי עשיו איש יודע ציד, איש שדה, ויעקב איש תם, יושב אהלים" — און די אינגלעך זיינען אויסגעוואַקסן — איז עשיו געוואָרן אַ יעגער, אַ פעלד מענטש ,און יעקב איז אַ תמים אַ מענטש געווען און אַ שטענדיקער יושב־אוהל — אַ שטוב־זיצער.

און ציד מיינט אויך אַ רמאי, אַ מענטש, וואָס וויל אַריינכאַפּן יענעם אין זיין נעץ פון שקרים. ווארים כאָטש ער איז אַ גרויסער רשע געווען, עשיו, האָט ער אָבער געוואָלט, אַז זיין פאָטער זאָל אים האַלטן פאַר אַ צדיק אַ גרויסן. ער פלעגט זיך דעריבער אויסשטעלן פאַר אים, אַז ער איז נזהר אפילו אין אַזוינע זאַכן, וואָס על פי דין באַדאַרף מען גאָר ניט מקיים זיין. ער פלעגט אים פרעגן אַלע מאָל: טאַטע, ווי אַזוי נעמט מען אַראָפּ מעשר פון שטרוי? טאַטע, ווי אַזוי נעמט מען אַראָפּ מעשר פון זאַלץ? ער האָט זיך געוואָלט וויזן פאַר אַ זייער פרומען פאַר זיין פאָטער, אַז אַפילו פון זאַלץ און שטרוי, וואָס זיי זיינען פטור פון מעשר, וויל ער אויך מעשר אַראָפּנעמען.

און כאָטש ער, עשיו, האָט געזוכט זיך אויסצופיינען אין די אויגן פון זיין פאָטער, האָט אָבער אָפּטמאָל, ווען ער האָט זיך פאַרגעסן, אַרויסגעשפּאַרט פון אים די מגושמדיקייט זיינע און די פּראָסטקייט. ווען ער האָט געבראַכט די שפּייז, וואָס ער האָט צוגעגרייט נאָכדעם, וואָס ער האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין יאַגד אין פעלד, האָט ער געזאָגט צו יצחקן: „יקום אבי" — זאָל דער פאָטער אויפשטיין. ער האָט ווי געשריגן אויף אים. ער האָט ניט גערעדט צו אים אַזוי איידל און פיין ווי יעקב. יעקב האָט געזאָגט צו יצחקן, ווען ער האָט אים

די שפּיז געבראַכט: „קום נא, אָבי", — שטיי אויף, איך בעט דיך, פֿאָטער מיינער. וואָרים עשיו איז ניט געוועזן קיין בעל דרך־ארץ.

און אָט אַזוי שטייט אויך: „ויאמר עשיו אל יעקב": הלעיטני נא מן האָדום" — און עשיו האָט געזאָגט צו יעקבן: שטאָפּ מיך נאָר אָן מיט די דאָזיקע רויטע לינדזן. רבי זעירא האָט געזאָגט: ער האָט צעשפּרייט דאָס מויל זיינס, דער דאָזיקער רשע, ווי אַ קעמל, און ער האָט געזאָגט צו יעקבן: איך וועל מיין מויל ברייט אָפּן האַלטן, און דו האַלט אין איין שיטן אַהין.

גאָטס דרכים

„ויהי כי זקן יצחק" — רבי חנינא בר פּפּא האָט געדרשנט: עס שטייט געשריבן: „רבות עשית אתה ה׳ אלהי, נפלאותיך ומחשבותיך אלינו" — פילע זאַכן האָסטו געטאָן, גאָט מיין גאָט, דיינע וואונדער און דיינע געדאַנקען זיינען געווען געווענדט צו אונז. האָט געזאָגט רבי חנינא: די אַלע געדאַנקען דיינע און די מעשים, וואָס דו האָסט געטאָן, זיינען אַלע געווען פֿון אונזערטוועגן. פֿאַרוואָס זיינען פֿאַרטונקלט געוואָרן יצחקס אויגן? כדי יעקב זאָל קומען און צונעמען די ברכות.

און וואָס מיינט „מראות" אינם פּסוק: „ויהי כי זקן יצחק ותכהינה עיניו מראות"? האָט רבי עזריה געזאָגט: כדי ער זאָל ניט זען די שלעכטע מעשים פֿון דעם רשע, פֿון עשיון. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: יצחק וועט אַרויסגיין אין גאַס, וועלן די מענטשן זאָגן: אָט איז ער, דער פֿאָטער פֿון אָט יענעם רשע. נאָר וואָס דען? איך וועל מאַכן, ער זאָל ניט קענען זען, וועט ער שטענדיק מוזן זיצן אין שטוב.

אַן אַנדער פּשט איז דאָ אויף „מראות". מראות מיינט צוליב אָט יענעם זען, וואָס ער האָט געזען בשעת דער עקידה. וואָרים בשעת אברהם אבינו האָט געבונדן זיין זון אויף דעם מזבח, האָט ער, יצחק, אויפֿגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און האָט זיך אין דער שכינה איינגעקוקט.

און מען האָט וועגן דעם דעם פֿאָלגנדיקן משל געזאָגט: „משל, למה הדבר דומה? צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו אַ מלך, וואָס האָט געשפּאַצירט פֿאַר דער טיר פֿון פּאַלאַץ זיינעם. האָט ער אויפֿגעהויבן די אויגן און געזען, אַז דער זון פֿון זיין פֿריינט קוקט אויף אים מיט טראַכטיקייט דורך דעם פֿענצטער. האָט ער געזאָגט: אויב איך וועל אים

הרגענען איצט, וועל איך דאָך דערשלאָגן דערמיט דעם פריינט מיינעם. נאָר וואָס דען? איך וועל גוזר זיין, אַז מען זאָל פאַרשטעלן די פענצטער זיינע. אַזוי אויך דאָ. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט, בשעת יצחק האָט זיך איינגעקוקט אין דער שכינה, ווען אברהם האָט אים אויפן מזבח געבונדן: אויב איך וועל אים איצט הרגענען, וועל איך דאָך דערשלאָגן דורך דעם אברהמען מיין פריינד. נאָר וואָס דען? איך וועל גוזר זיין, אַז זיינע אויגן זאָלן זיך אויסלעשן. און אַז ער איז אַלט געוואָרן איז די גזירה מקויים געוואָרן.

און ווידער זיינען יצחקס אויגן טונקל געוואָרן אויף דער עלטער אויך צוליב אַן אַנדער זען, וואָס ער האָט געזען. ווען דער פאָטער האָט אים געבונדן, האָבן די מלאכי השרת געוויינט, און טרערן זיינען פון זייערע אויגן אין זיינע אויגן געפאַלן, און זיי זיינען אין זיי אַריינגעגעסן געוועזן די גאַנצע צייט. און אַז ער איז אַלט געוואָרן זיינען דערפון זיינע אויגן שוואַך געוואָרן.

הקול קול יעקב

„הקול קול יעקב והידים ידי עשיו" — די גאַנצע שליטה פון יעקבן איז נאָר מיט דעם קול זיינעם. און די גאַנצע שליטה פון עשיון איז נאָר מיט די הענט זיינע. אַן אַנדער פשט: בשעת יעקב לאָזט ניט הערן דאָס קול זיינס אין תורה — געוועלטיקן די הענט פון עשיון איבער אים. און בשעת ער לאָזט הערן דאָס קול זיינס אין תורה, קענען די הענט פון עשיון ניט שולט זיין אויף אים.

די וועלט האָט קיין גרעסערע פילאָזאָפן ניט געהאַט, ווי בלעם בן בעור און אבנומס הגרדי. זיינען זיך צונויפגעקומען די אַלע אומות העולם צו אים און געזאָגט: קענסטו אונז ניט זאָגן, צי מיר וועלן קענען בייקומען די דאָזיקע אומה? האָט ער געזאָגט: גייט און זוכט אין זייערע שולן און בתי מדרשים. אויב איר וועט דאָרטן הערן דאָס קול פון די קליינע קינדער, ווי זיי מיען זיך אין דער תורה — וועט איר זיי ניט קענען בייקומען. און אויב איר וועט ניט הערן דאָרטן דאָס קול פון די קליינע קינדער, ווי זיי מיען זיך אין דער תורה — וועט איר זיי קענען בייקומען. ווארים אַזוי האָט זיי זייער פאָטער צוגעזאָגט. ער האָט צו זיי געזאָגט: „הקול קול יעקב והידים ידי עשיו" — כל זמן דאָס קול פון יעקבן הערט זיך אין די שולן קענען די הענט פון עשיון גאָר ניט טאָן.

פרשת ויצא

דער זיווג פון מענטשן

רבי פנחס האָט אין נאָמען פון רבי אבהו געזאָגט: מיר געפינען אין דער תורה און אין די נביאים און אין כתובים, אַז דער זיווג פון מענטשן קומט נאָר פון הקדוש ברוך הוא שטענדיק. פון דער תורה — פון וואַנען ווייסן מיר דאָס? ווארים עס שטייט געשריבן: „ויען לבן ובתואל ויאמרו: מה׳ יצא הדבר" — און לבן און בתואל האָבן געענטפערט און געזאָגט: פון גאָט איז די זאַך אַרויסגעקומען. אין די נביאים געפינען מיר: „ואביו ואמו לא ידעו, כי מה׳ הוא" — און זיין פאָטער און מוטער האָבן ניט געוואוסט, אַז פון גאָט איז דאָס. אין כתובים: „ומה׳ אשה משכלת" — און פון גאָט ווערט צוגעשיקט צום מענטשן די קלוגע פרוי.

און אַ מאַטראָנע איינע האָט אַמאָל געפרעגט רבי יוסי בר חלפתא — זי האָט געזאָגט צו אים: „אין וויפיל טעג האָט גאָט באַשאַפן די וועלט זיינע?"

האָט ער געזאָגט צו איר: „אין זעקס טעג. ווי עס איז געשריבן: כי ששת ימים עשה ה׳ את השמים ואת הארץ" — ווארים אין זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט די הימלען און די ערד".

האָט זי צו אים געזאָגט:

— און וואָס טוט ער פון דעמאָלט אָן ביז איצט.

האָט ער געזאָגט צו איר:

— הקדוש ברוך הוא זיצט און איז מזווג זיווגים: די טאָכטער פון דעם זאָל חתונה האָבן פאַר יענעם; די ווייב פון יענעם זאָל די ווייב פון דעם ווערן; דאָס געלט פון דעם זאָל צו יענעם איבערגיין.

האָט זי געזאָגט צו אים:

— און דאָס איז די באַשעפטיקונג זיינע? איך קען אויך טאָן דאָס אייגענע. אַ סך קנעכט און אַ סך דינסטן האָב איך. אין אַ גאָר קליינער ווילע קען איך זיי מזווג זיין.

האָט ער געזאָגט צו איר:

— אויב דאָס איז אַ גרינגע אַרבעט אין דיינע אויגן, איז דאָס אַ זייער שווערע אַרבעט פאַר הקדוש ברוך הוא — אַזוי שווער ווי קריעת ים־סוף.

און ער איז זיך פון איר אַוועקגעגאַנגען, רבי יוסי בר חלפתא. איז וואָס האָט זי געטאָן?

זי האָט גענומען טויזנט קנעכט און טויזנט דינסטן און האָט זיי אויסגעשטעלט שורות־ווייז. זי האָט געזאָגט: אָט דער זאָל אָט די נעמען פאַר אַ ווייב און אָט די זאָל פאַר אָט יענעם חתונה האָבן; און זי האָט זיי אַלע אין איין נאַכט מזווג געווען.

אויף מאָרגן זיינען זיי אַלע געקומען צו איר: ביי דעם איז דער מח צעשפּאָלטן געווען; ביי דעם האָט אָן אויג געפעלט; ביי דעם איז אַ פוס צעבראָכן געווען.

האָט זי געזאָגט צו זיי:

— וואָס האָט אַזוינס פּאַסירט מיט אייך?

האָט די געטנהט: „איך וויל ניט אָט דעם", און דער האָט גע־כּענהט „איך וויל ניט אָט די".

האָט זי געשיקט ברענגען באַלד רבי יוסי בר חלפתא.

זי האָט געזאָגט צו אים: עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ גאָט, ווי אייער גאָט. אמת איז די תורה אייערע. שיין און לויבנסווערט איז זי. גוט האָסטו געזאָגט.

האָט ער געזאָגט צו איר: האָב איך דיר דען ניט געזאָגט: אויב דאָס איז אַ גרינגע אַרבעט אין דיינע אויגן, איז זי פאַר הקדוש ברוך הוא ווי קריעת ים־סוף שווער.

וואָס טוט הקדוש ברוך הוא מיט זיי? ער איז זיי מזווג בעל כרחן, קעגן זייער ווילן.

און דאָס איז דאָס, וואָס שטייט געשריבן: „מושיב יחידים ביתה, מוציא אסורים בכושרות". ער זעצט די, וואָס זיינען אַליין, איינזאַמע אין אַ היים אַריין. ער שיקט זיי זייער זיווג צו.

און וואָס מיינט „בכושרות"? בכושרות באַשטייט פון צוויי ווערטער: „בכי ושירות" — געוויין און געזאַנג. ווער עס איז צופרידן פון זיווג זיינעם — זאָגט שירה. און דער וואָס איז ניט צופרידן פון זיין זיווג — דער וויינט.

און רבי ברכיהו האָט געזאָגט: אָט מיט דעם לשון האָט איר רבי יוסי בר חלפתא געענטפערט: „הקדוש ברוך הוא זיצט און מאַכט לייטערס: אָט דעם דערנידעריקט ער און דעם דערהויבט ער. דעם פירט ער איבער דעם לייטער אַראָפּ און דעם פירט ער איבער דעם לייטער אַרויף".

און דאָס איז דאָס, וואָס שטייט געשריבן:

„אלהים שופט, זה ישפיל וזה ירים — גאָט משפּט דעם מענטשן. דעם מאַכט ער נידעריק און דעם מאַכט ער דערהויבן.

און אַמאָל גייט דער מענטש צום זיווג זיינעם; און אַמאָל גייט דער זיווג זיינער צו אים.

יצחק — איז דער זיווג זיינער צו אים געקומען, ווי עס שטייט געשריבן: „ויצא יצחק לשיח בשדה" — און יצחק איז אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן אין פעלד — האָט ער געזען, ווי אליעזר איז אָנגעקומען מיט רבקהן. יעקב — ער איז צום זיווג זיינעם געגאַנגען, ווי עס איז געשריבן: „ויצא יעקב מבאר שבע" — און יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר שבע.

און פיר און אַכציק יאָר איז יעקב אַלט געווען, ווען ער האָט גענומען רחלען פאַר אַ ווייב. דריי און זעכציק יאָר איז ער אַלט געווען יעקב אבינו, בשעת ער האָט די ברכות גענומען. באַדאַרף מען צוגעבן צו זיי נאָך פערצן יאָר, וואָס ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין בית עבר. נאָך זיבן יאָר דאַרף מען ווידער צוגעבן, וואָס ער האָט געדינט פאַר רחלען. קומט אויס, אַז ער האָט גענומען אַ ווייב, ווען ער איז פיר און אַכציק יאָר אַלט געווען. און עשיו האָט אַ ווייב גענומען, ווען ער איז געווען פערציק יאָר אַלט. לערנען מיר דערפון, אַז גאָט וואַרט מיט דעם גליק, וואָס ער וויל די צדיקים געבן, ביז צום סוף פון זייער לעבן; פאַר רשעים אָבער פעדערט ער זיך, ער זאָל זיי זייער גליק אָפּגעבן אין אָנהויב פון זייער לעבן.

און פאַרוואָס שטייט: „ויצא יעקב מבאר שבע?" נאָר וואָס דען? ער האָט געזאָגט: דער טאַטע, בשעת ער האָט געוואָלט גיין קיין חוץ לארץ — פון וואָסער אָרט איז דאָס אים פאַרווערט געוואָרן? פון באר שבע איז דאָך אים דאָס פאַרווערט געוואָרן. וועל איך אויך גיין

קיין באר שבע. אויב עס וועט מיר געגעבן ווערן דערויף רשות — וועל איך גיין. אויב ניט — וועל איך ניט גיין.

און אָט דעריבער האָט עס דער פסוק באַדאַרפט זאָגן: „ויצא יעקב מבאר שבע".

און פאַרוואָס דערציילט דער פסוק, אַז יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר־שבע? ער וואָלט דאָך נאָר באַדאַרפט דערציילן אַז ער איז געגאַנגען קיין חרן. ווארים בנוגע דעם ענין פון אַרויסגיין פון באר־שבע איז ער דאָך נאָר איינער פון פילע געווען. וויפיל עזלען־טרייבער און קעמל־פירער זיינען פון באר שבע אַלע מאָל אַרויסגעגאַנגען, און דאָ שטייט גאָר: „ויצא יעקב", גלייך ווי ער וואָלט דער איינציקער געווען, וואָס איז פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען.

האָט רבי עזריה אין נאָמען פון רבי יהודה ב"ר סימון געזאָגט: ער איז טאַקע דער איינציקער געווען, וואָס איז פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען. ווארים קיין אַנדער אַרויסגיין פון דאָרטן איז ניט ווי זיין אַרויסגיין פון דאָרטן געווען. ווארים בשעת דער צדיק איז אין אַ שטאָט — איז ער די שיין פון שטאָט, די פּראַכט אירע. גייט ער אַרויס פון שטאָט, גייט פון איר איר שיין, איר פּראַכט אַרויס.

און אָט אַזוי שטייט אויך ביי נעמין: „ותצא מן המקום אשר היתה שמה" — און זי איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם אָרט, וואָס זי איז געווען דאָרטן.

און מען קען אפילו פרעגן: דאָרטן איז גוט, וואָס עס שטייט געשריבן „ותצא". ווארים זי איז די איינציקע צדיקית געווען אין שטאָט. פאַרוואָס שטייט אָבער דאָ „ויצא יעקב"? עס זיינען דאָך נאָך יצחק און רבקה אין באר שבע איבערגעבליבן. די קשיא איז אָבער קיין קשיא ניט. ווארים עס איז ניט גלייך דער זכות פון צוויי צדיקים צום זכות פון איין צדיק.

די תפלות וואָס די אבות האָבן מתקן געווען

„ויפגע במקום" — ויפגע איז פון לשון תפלה. מקום מיינט דאָ הקדוש ברוך הוא: יעקב האָט תפלה געטאָן צו גאָט.

און פאַרוואָס רופט מען הקדוש ברוך הוא מיט דעם נאָמען „מקום"? ווארים ער איז דאָס אָרט פון דער וועלט; די וועלט איז אָבער ניט זיין אָרט. ווי עס איז געשריבן: „הנה מקום אתי" — דאָס אָרט פון דער

וועלט איז מיט מיר: די וועלט איז אין מיר; איך בין אָבער ניט אין דער וועלט: איך בין ניט תופס מקום אין איר.

און רבי יהושע בן לוי האָט געזאָגט: די אבות הראשונים האָבן די דריי תפלות מתקן געווען: אברהם האָט מתקן געווען תפלת שחרית; יצחק האָט מתקן געווען תפלת מנחה; יעקב האָט מתקן געווען תפלת מעריב.

און רבי שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: די דאָזיקע דריי תפלות זיינען אַנטקעגן די דריי מאָל, וואָס דער טאָג ענדערט זיך. אין אָוונט באַדאַרף דער מענטש זאָגן: זאָל זיין דער ווילן פאַר דיר, גאָט מיין גאָט, דו זאָלסט מיך אַרויסברענגען פון פינצטערניש צום ליכטיקייט. אין דער פרי באַדאַרף מען זאָגן: איך דאַנק און לויב דיך, גאָט מיין גאָט, וואָס דו האָסט מיך פון פינצטערניש צו ליכטיקייט אַרויסגעבראַכט. ביי מנחה באַדאַרף דער מענטש זאָגן: זאָל זיין דער ווילן פאַר דיר, גאָט מיין גאָט, און אַזוי ווי דו האָסט מיך מזכה געווען, איך זאָל זען די זון אין איר אויפגיין, אַזוי זאָלסטו מיך מזכה זיין, איך זאָל זי זען אין איר פאַרגיין.

און ווידער מיינט „ויפגע במקום" — ער האָט געוואָלט גיין ווייטער — האָט זיך די גאַנצע וועלט אָוועקגעשטעלט ווי אַ וואַנט פאַר אים.

כי בא השמש. די ווערטער „כי בא" דאַרף מען לייענען, ווי איין וואָרט: „כיבה" השמש — ער האָט אויסגעלאָשן די זון. ווארים הקדוש ברוך הוא האָט אויסגעלאָשן דעם גלגל חמה פאַר דער צייט, כדי ער זאָל ריידן מיט יעקבן בצנעה. אַ משל צו אַ פריינט פון אַ מלך, וואָס פלעגט קומען צו אים צייטנווייז. האָט דער מלך געזאָגט: לעשט אויס די ליכט, לעשט אויס די לאָמטערנעס, ווארים איך וויל ריידן מיט דעם פריינט מיינעם בצנעה, אַז קיינער זאָל ניט זען, אַז קיינער זאָל ניט שטערן.

„ויקח מאבני המקום" — און ער האָט גענומען פון די שטיינער פון דעם אָרט. רבי יהודה האָט געזאָגט: צוועלף שטיינער האָט ער גענומען. ער האָט געזאָגט: אָט אַזוי האָט גוזר געווען הקדוש ברוך הוא, אַז ער וועט מעמיד זיין צוועלף שבטים. אברהם האָט זיי ניט מעמיד געווען, יצחק האָט זיי ניט מעמיד געווען. איך — אויב די דאָזיקע צוועלף שטיינער וועלן זיך באַהעפטן איינער אין צווייטן, וועל איך וויסן, אַז איך וועל די צוועלף שבטים מעמיד זיין. און אַז ער האָט געזען אַז די צוועלף שטיינער האָבן זיך באַהעפט איינער אין צווייטן,

האָט ער געוואוסט, אַז די צוועלף שבטים וועלן פון אים טאַקע אַרויס־קומען.

„הארץ אשר אתה שוכב עליה — לך אתננה ולזרעך" — די ערד, וואָס דו ליגסט אויף איר — צו דיר וועל איך זי געבן און צו דיינע קינדער. רבי שמעון האָט אין נאָמען פון בר קפרא געזאָגט: גאָט האָט זי צונויפגעלייגט ווי אַ בוך און האָט זי אים אונטערן קאָפּ אונטער־געלייגט, ווי איינער זאָגט: אַלעס, וואָס ליגט ביי דיר אונטערן קאָפּ, איז דיינס.

„והיה זרעך כעפר הארץ" — און די קינדער דיינע וועלן ווי דער שטויב פון דער ערד זיין. — אַזוי ווי דער שטויב פון דער ערד ווערט נאָר דורך וואַסער געבענטשט, אַזוי וועלן אויך דיינע קינדער ניט גע־בענטשט ווערן נאָר אין זכות פון דער תורה, וואָס איז געגליכן צו וואַסער. אַזוי ווי דער שטויב פון דער ערד ברענגט אום די אַלע מע־טאַלענע כלים און אַליין איז אייביק זיין קיום, אַזוי וועלן דיינע קינדער מבלה זיין די אַלע עובדי כוכבים ומזלות און אַליין וועלן זיי אייביק אין קיום זיין. און אַזוי ווי די ערד ווערט פון יעדן איינעם געטראָטן, אַזוי וועלן אויך דיינע קינדער פון אַלע מלוכות געטראָטן ווערן. אויך דאָס אָבער וועט פון דיין טובה וועגן זיין. זיי וועלן אויסגערייניקט און אויסגעליידיקט ווערן דורך דעם פון זייערע זינד.

פאַרוואָס זיינען לאהס אויגן אָפּגעשוואַכט געוואָרן?

„ועיני לאה רכות" — און לאהס אויגן זיינען שוואַך געווען. רבי יוחננס אמורא *) האָט געטייטשט פאַר אים דעם פּסוק אויף אַ וועג, אַז עס איז אויסגעקומען, אַז פון געבורט האָט לאה קראַנקע אויגן געהאַט. האָט ער — רבי יוחנן — זיך אָנגערופן: די אויגן פון דער מאַמע דיינער זיינען קראַנק געווען. רכות דאָ מיינט נאָר, אַז זיי זיינען אָפּ־געשוואַכט געווען פון וויינען אַ סך. וואָרום מענטשן פלעגן זאָגן: אַט אַזוי איז געווען אָפּגעמאַכט צווישן רבקהן און לבנען: די עלטערע טאָכטער זאָל זיין דאָס ווייב פון דעם עלטערן זון אירן, און זיין איינגערע טאָכטער זאָל דאָס ווייב פון איר איינגערן זון ווערן. פלעגט זי וויינען

---

*) זיין אויסטייטשער פאַרן עולם די דרשות, וואָס יוחנן פלעגט פאַר זיי האַלטן.

שטענדיק און זאָגן: זאָל גאָטס ווילן זיין, אַז איך זאָל ניט אין די הענט פון רשע אַריינפאַלן.

האָט רבי הונא געזאָגט: שטאַרק איז דער כוח פון תפילה. לאָהס תפילה האָט ניט נאָר די גזירה מבטל געווען, נאָר זי האָט אויך זוכה געווען צו האָבן יעקבן פאַר אַ מאַן פריער נאָך פאַר רחלען.

און דער פסוק זאָגט: „ויאהב יעקב את רחל" — יעקב האָט אַזוי געזאָגט צו לבנען: ווייל איך ווייס, אַז די איינוואוינער פון דיין שטאָט זיינען אָפּנאַרער — וויל איך מיט דיר קלאָרע דבורים רעדן. איך זאָג דיר, אַז איך וויל דינען ביי דיר פאַר רחלען דיין טאָכטער. פאַר רחלען, זאָג איך, כדי דו זאָלסט וויסן, אַז ניט פאַר לאהן מיין איך. איך גיב נאָכדעם צו דיין טאָכטער, כדי דו זאָלסט ניט מיינען, אַז דו קענסט מיר ברענגען אַן אַנדערע פון גאַס, וואָס הייסט אויך רחל. הקטנה — די קלענערע — זאָג איך, כדי דו זאָלסט ניט פאַרבייטן זייערע נעמען און מיר אַלץ געבן לאהן אנשטאָט רחלען. עס האָט אָבער אַלץ ניט געהאָלפן. ווי דו זאָלסט ניט אַרומהובלען*) די רשעים, וועסטו דערמיט זיך גאָר ניט העלפן.

די תורה שרייבט: „ויאמר יעקב אל לבן" — און יעקב האָט געזאָגט צו לבנען — „הבה את אשתי... ואבוא אליה" האָט רבי איבו געזאָגט: אַפילו ווי פאַרשייט אַ מענטש זאָל ניט זיין, וועט ער מיט אַזאַ שפּראַך ניט רעדן. און דווקא יעקב וועט פועלן ביי זיך צו זאָגן: גיב מיר מיין ווייב און איך וועל קומען צו איר. נאָר וואָס דען? ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט: גאָט האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל מעמיד זיין צוועלף שבטים. און איצט בין איך שוין פיר און אַכציק יאָר אַלט. טאָ ווען וועל איך שוין זיי מעמיד זיין, אויב איך וועל זיי איצט ניט מעמיד זיין? דעריבער האָט דער פסוק באַדאַרפט זאָגן: „ויאמר יעקב ללבן: הבה את אשתי." **)

און ווייטער שטייט: „ויאסוף לבן את כל אנשי המקום ויעש

---

*) ווי דו זאָלסט זיך ניט באַוואָרענען אַנטקעגן זיי.

**) דאָס הייסט: ניט גלאַט תאוות בשרים האָט פון דעם „ואבוא אליה" אַרויסגערעדט, נאָר זיין באַגער וואָס גיכער די י"ב שבטים מעמיד זיין.

משתה". און לבן האָט צונויפגערופן די אַלע איינוואוינער פון אָרט און געמאַכט אַ סעודה פאַר זיי. ער האָט געזאָגט צו זיי: איר ווייסט דאָך, אַז מיר זיינען שטענדיק געווען שטאַרק געענגט אין וואַסער. און זינט אָט דער־אָ צדיק איז געקומען אַהער — זיינען מיר מיט פיל וואַסער געבענטשט געוואָרן. האָבן זיי צו אים געזאָגט: איז וואָס איז דער ווילען דיינער צו טאָן? האָט ער צו זיי געזאָגט: אויב איר ווילט, וועל איך אים אָפּנאַרן און אים געבן לאהן. וואָרום ער האָט זייער ליב רחלען, וועט ער דינען ביי מיר און זיין מיט אייך נאָך זיבן יאָר. האָבן זיי צו אים געזאָגט: טו וואָס דו ווילסט. האָט ער דאַן צו זיי געזאָגט: גיט מיר אַ משכון, אַז קיינער פון אייך וועט דאָס ניט דערציילן קיינעם. האָבן זיי אים משכנות געגעבן. איז ער געגאַנגען נאָכדעם און האָט זיי געבראַכט וויין, בוימל און פלייש, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אויף די משכנות, וואָס ער האָט ביי זיי גענומען. האָבן זיי נאָכדעם באַדאַרפט גיין אַליין אויסצולייזן די משכנות זייערע.

און דערפאַר האָט מען אים גערופן „לבן הארמי". ער איז געווען אַ רמאי. ער האָט אַפילו זיינע אייגענע שטאָט־לייט אָפּגענאַרט.

און אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך געפרייט אַלע מיט יעקבן און געזונגען לויב־געזאַנגען לכבוד חתן־כלה. און אַז עס איז שוין די נאַכט געקומען — האָט ער זיך אָנגערופן צו זיי: פאַרוואָס גיט איר מיר אַזויפיל כבוד אָפּ? האָבן זיי אים געענטפערט: אין דיין זכות זיינען מיר מיט וואַסער געבענטשט געוואָרן. דו האָסט מיט אונז גומל חסד געווען, זיינען מיר דערפאַר מיט דיר גומל חסד.

און זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן זינגען און משמח זיין זיך פאַר אים און אַלע מאָל פּלוצלונג אַ געשריי געטאָן: האָ, לייא, האָ, לייא *)...

און שפּעט אין אָוונט איז מען געקומען, מען זאָל אים מיט דער כלה צונויפפירן. און איידער מען האָט אים אַריינגעפירט אין חדר אירן

---

*) זיי האָבן געוואָלט מיט דעם אויסגעשריי אים געבן אָנצוהערן, אַז לבן גייט אים אָפּנאַרן, אַז ער וויל אים געבן לאהן. ער האָט אָבער קיין אַכט ניט געלייגט אויף דעם אויסרוף. ער האָט אויף זייער מיין זיך ניט אָנגעשטויסן. ער האָט אָנגענומען דעם געשריי אַלס אַן אויס־געשריי פון פרייד.

האָט מען די ליכט אויסגעלאָשן. האָט ער געזאָגט צו זיי: וואָס איז דאָס? פאַרוואָס מאַכט איר פינצטער? האָבן זיי אים געענטפערט: וואָס מיינסטו, אַז ביי אונז איז מען אויך אַזוי פאַרשייט, ווי ביי אייך? ביי אונז מוז דאָס צוזאַמענקומען זיך פון חתן כלה אין דער פינצטער פאַרקומען.

און דורך דער גאַנצער נאַכט האָט ער איר ביים נאָמען רחל גע־רופן און זי האָט זיך באַלד צו אים אָפּגערופן.

און אַז עס איז געקומען דער טאָג, האָט יעקב געזען, אַז לאה איז דאָס גאָר געווען. ער האָט צו איר געזאָגט: וואָס איז דאָס, דו שווינד־לערין בת שווינדלער? איך האָב דיך אַ גאַנצע נאַכט רחל גערופן און דו האָסט מיר געענטפערט שטענדיק.

האָט זי אים געענטפערט: האָסטו דען געזען, אַז אַ גוטער לערער זאָלן אָן תלמידים זיין? איז דען ניט דאָס צווישן דיר און דיין פאָטער פאַרגעקומען? ער האָט אַלעמאָל דיך עשיו גערופן, און דו האָסט זיך שטענדיק אָפּגערופן צו אים.

פרשת וישלח

אמתע מלאכים

„וישלח יעקב"—רבי שמואל ב"ר נחמן האָט געזאָגט: אַ משל צו אַן עלטסטן פון גזלנים, וואָס איז געשלאָפן אויפן שיידוועג. איז פאַרביי־געגאַנגען איינער און האָט אים אָנגעהויבן וועקן. ער האָט געזאָגט צו אים: שטיי אויף, אומגליק איז דאָ שכיח. איז ער אויפגעשטאַנען און האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן, האָט דער מענטש געזאָגט: אָט איז דאָ דער אומגליק גאָר אויף מיר געקומען. האָט צו אים דער עלטסטער פון די גזלנים געזאָגט: ער איז געשלאָפן, דער אומגליק, האָסטו אים אויפ־געוועקט.

אָט אַזוי האָט אויך הקדוש ברוך הוא געזאָגט צו יעקבן: זיין וועג איז ער זיך געגאַנגען עשיו, ער האָט שוין געהאָט פאַרגעסן די אַלטע שנאה זיינע — און דו שיקסט צו אים איצט און זאָגסט צו אים: „כה אמר עבדך יעקב". דו קענסט נאָר דערוועקן דורכדעם די שנאה זיינע צו דיר.

רבי האָט געזאָגט צו רבי אפסן: שרייב אַ בריוו אין מיין נאָמען צו אונזער האַר דעם מלך אנטונינוס.

איז ער געגאַנגען און האָט געשריבן: פון יהודה הנשיא צום האַר אונזערן צום מלך אנטונינוס.

האָט גענומען רבי דעם בריוו און האָט אים איבערגעלייענט און צעריסן.

ער האָט געזאָגט צו אים: שרייב: פון דיין קנעכט יהודה צו אונזער האַר דעם מלך אנטונינוס.

האָט צו אים רבי אפס געזאָגט: פאַר וואָס ביזטו מבזה דעם כבוד דיינעם?

האָט אים רבי געענטפערט: וואָס בין איך בעסער פון זיידן מיינעם, פון יעקבן? האָט ער דען ניט אַזוי געזאָגט: „כה אמר עבדך יעקב" — דאָט אַזוי האָט דיין קנעכט יעקב געזאָגט.

און דער פסוק אין תהלים: „אל תתן ה׳ מאויי רשע״ — דו זאָלסט ניט געבן, גאָט, דעם רשע די באַגערן זיינע — גייט אויף יעקבן, ווען ער האָט געשיקט די שלוחים זיינע צו עשיון.

יעקב האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: האר פון דער וועלט, אַזוי ווי עס איז געווען אין דער דעה פון לבנן צו טאָן מיט מיר שלעכטס — און דו האָסט אים ניט געלאָזט, אַזוי צעשטער אויך די מחשבות פון עשיון מיין ברודער, וואָס ער טראַכט אויף מיר, ער זאָל מיך הרגענען. עשיו איז געווען איינער פון די דריי מענטשן, וואָס האָבן פאַרטראַכט שלעכטס, זיי האָבן אָבער ניט געקענט טאָן דאָס שלעכטס, וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט. די דאָזיקע דריי מענטשן זיינען געווען: עשיו, ירבעם און המן. ער האָט געזאָגט, עשיו: קין האָט געהרגעט דעם ברודער זיינעם און גאָט האָט אים גאָר ניט געטאָן. ער האָט נאָכדעם געהאַט נאָך אַנדערע קינדער און זיי האָבן גע‌ירשנט מיט אים די וועלט. וועל איך אויך הרגענען פריער יצחקן מיין פאָטער און נאָכדעם יעקבן מיין ברו־דער — און וועל אַליין דער איינציקער יורש פון דער וועלט בלייבן. פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? ווארים עס שטייט געשריבן: „יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב אחי״. „יקרבו ימי אבל אבי״ — איז דער פשט: איך וועל דערנענטערן דאָס טרויערן נאָך מיין פאָטער. ער האָט געזאָגט: איך וועל פריער הרגענען יצחקן מיין פאָטער, און נאָכדעם וועל איך הרגענען יעקבן מיין ברודער. גאָט האָט אָבער גע־מאַכט, ער זאָל ניט קענען מקיים זיין דעם באַגער זיינעם. דערפאַר שטייט „אל תתן ה׳ מאויי רשע״.

מלאכים ממש

און דאָס וואָרט מלאכים וואָס. געפינט זיך אין פסוק „וישלח יעקב מלאכים לפניו״ — מיינט מענטשן, שלוחי בשר ודם. די רבנן אָבער זאָגן, אַז דאָס וואָרט מלאכים מיינט דאָ טאַקי מלאכים ממש. רבי חמא ב״ר חנינא האָט געזאָגט: הגר איז שרהס דינסט געווען — האָבן זיך פינף מלאכים צו איר באַוויזן. יעקב, וואָס ער איז דער אויסדער־וויילטער פון גאַנצן הויז געווען — איז על כמה וכמה, אַז עס זיינען ביי אים מלאכים געווען. מה דאָך אליעזר, וואָס ער איז דער קנעכט פון הויז געווען, האָבן זיך צו אים מזדווג געווען כמה מלאכים, יעקב, וואָס ער איז דער אויסדערוויילטער פון גאַנצן הויז געווען — איז על אחת כמה וכמה, אַז אַ סך מלאכים האָבן זיך צו אים מזדווג געווען. רבי

יוסי האָט געזאָגט: יוסף איז דער קלענסטער פון די שבטים געווען — האָבן זיך צו אים מזדווג געווען דריי מלאכים — אָט דער וואָס איז דער פאָטער פון זיי אַלע געווען — איז על אחת כמה וכמה, אַז אַ סך מלאכים האָבן זיך מזדווג געווען צו אים.

פיר טויזנט רבוא מלאכי השרת זיינען געגעבן געוואָרן צו יעקבן. און זיי האָבן אויסגעזען ווי די חיילות פון אַ מלך. פילע פון זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין אייזן, פילע פון זיי האָבן אויף פערד געריטן. פילע פון זיי זיינען אין קאַרעטן טייערע געפאָרן.

האָט ער באַגעגנט, עשיו, די וואָס זיינען אין אייזן אָנגעטאָן געווען. ער האָט געזאָגט צו זיי: פון וועמען זענט איר? האָבן זיי געזאָגט צו אים: פון יעקבן. נאָכדעם האָט ער באַגעגנט די, וואָס האָבן געריטן אויף פערד. האָט ער געזאָגט צו זיי: פון וועמען זייט איר? האָבן זיי געזאָגט צו אים: פון יעקבן. נאָכדעם האָט ער באַגעגנט די, וואָס זיינען געזעסן אין די קאַרעטן. האָט ער אויך צו זיי געזאָגט: פון וועמען זייט איר? האָבן זיי אים אויך געענטפערט: פון יעקבן.

און דאָס איז דאָס, וואָס שטייט געשריבן „מי לך כל המחנה הזה אשר פגשתי״ — ווער זיינען זיי ביי דיר די דאָזיקע גאַנצע מחנה, וואָס איך האָב באַגעגנט?

און די דאָזיקע אַלע מלאכים זיינען געשיקט געוואָרן, כדי עס זאָל אָנפאַלן אַן אימה אויף עשיון.

און יעקב האָט אויך דעם נאָמען פון הקדוש ברוך הוא דערמאָנט עשון, ווען ער האָט גערעדט מיט אים, כדי ער זאָל אים אָנשרעקן און אַן אימה אויף אים אָניאָגן. ער האָט געזאָגט צו אים: „כי על כן ראיתי פניך כראות פני אלהים״ — וואָרים דאָס וואָס איך זע דיין געזיכט איז אַזוי ווי איך וואָלט געזען דאָס געזיכט פון גאָט.

משל למה הדבר דומה — צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו איינעם, וואָס האָט איינגעלאַדן דעם חבר זיינעם לסעודה. האָט דער איינגעלאַדענער דערקענט אין אים, אין דעם וואָס האָט אים איינגעלאַדן, אַז ער וויל אים הרגענען. האָט ער זיך אָנגערופן צו אים: דער טעם פון דעם דאָזיקן געקעכטס איז ענלעך אויף דעם טעם פון דעם געקעכטס, וואָס איך האָב געגעסן אין הויז פון מלך. האָט זיך יענער געטראַכט: דער מלך קען אים, דער מלך איז אַ פריינט זיינער. האָט ער מורא געהאַט און האָט אים שוין ניט געהרגעט. אָט אַזוי איז דאָ אויך געווען, אַז יעקב האָט געזאָגט צו עשיון: „כי על כן ראיתי פניך כראות פני אלהים״.

האָט עשיו הרשע געזאָגט: הקדוש ברוך הוא האָט אים צוגעבראַכט צו אַט אַזאַ כבוד — וועל איך אים שוין ניט קענען בייקומען.

און נאָכדעם, וואָס די שלוחים, וואָס יעקב האָט געשיקט, זיינען צוגעקומען צו עשיון, האָבן זיי געזען מיט אים גבורים באַוואָפנטע, זיינען זיי געקומען און האָבן דאָס דערציילט יעקבן. ווארים עס שטייט געשריבן: וישיבו המלאכים אל יעקב לאמר: באנו אל אחיך אל עשו... וארבע מאות איש עמו — און די שלוחים האָבן זיך אומגעקערט צו יעקבן און האָבן צו אים געזאָגט: מיר זיינען געקומען צו דיין ברודער צו עשון... און פיר הונדערט זיינען מיט אים. וואָס מיינט „וארבע מאות איש עמו?" האָט רבי שמואל בר נחמני געזאָגט: פיר הונדערט מלכים, וואָס האָבן קרוינען אויף זייערע קעפּ געטראָגן.

און אַז זיי האָבן דערציילט יעקבן וועגן אָט דער דאָזיקער גאַנצער גדולה פון עשיון, האָט ער זיך זייער געשראָקן, און ער האָט צעטיילט זיינע ווייבער און זיינע קינדער אויף צוויי מחנות, ווי עס שטייט געשריבן: „ויחץ העם אשר אתו" — און ער האָט צעטיילט דאָס פאָלק, וואָס עס איז מיט אים געוועזן. אין יענעם מאָמענט האָט יעקב אבינו געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: רבונו של עולם, דו האָסט געשריבן אין דער תורה דיינער: ושור או שה, אותו ואת בנו, לא תשחטו ביום אחד" — און אַן אָקס אָדער אַ לעמעלע — אים מיט זיין קינד זאָלט איר ניט קוילען אין איין טאָג. אויב דער דאָזיקער רשע וועט קומען און אומברענגען די קינדער מיינע מיט דער מוטער זייערער אינאיינעם — ווער וועט דעמאָלט לייענען אין דעם ספר תורה, וואָס דו ביזט אָנגעברייט צו געבן אויף דעם באַרג סיני? איך בעט זיך ביי דיר, זיי מיך מציל פון זיין האַנט, כדי ער זאָל ניט קומען און די מוטער מיט די קינדער אויף איין מאָל שלאָגן.

און בשעת יעקב האָט געשיקט די סטאַדעס מיט פי צו עשיון, האָט ער געזאָגט צו זיינע קנעכט: „ורוח תשימו בין עדר ובין עדר" — איר זאָלט פלאַץ מאַכן צווישן איין סטאַדע און דער צווייטער. יעקב האָט געזאָגט פאַר הקדוש ברוך הוא: רבונו של עולם, אויב דו וועסט ברענגען צרות אויף מיינע קינדער — זאָלסטו זיי ניט ברענגען איינע נאָך די אַנדערע, נאָר דו זאָלסט זיי אַביסל רווחה געבן פון די צרות זייערע.

און אין יענעם מאָמענט האָט ער אויפגעהויבן יעקב זיינע אויגן און ער האָט געזען, ווי עשיו קומט פון דערווייטן, האָט ער געווענדעט די אויגן זיינע צום הימל און האָט געוויינט און רחמים געבעטן ביי הקדוש ברוך הוא. און הקדוש ברוך הוא האָט די תפילה זיינע געהערט און האָט אים מבטיח געווען, אַז ער וועט אים העלפן פון די אַלע צרות זיינע און אויך די קינדער זיינע וועט ער העלפן שטענדיק אין זיין זכות פון זייערע צרות.

ויירא וייצר

ויירא יעקב מאד וייצר לו — און יעקב האָט מורא געהאַט זייער און ער האָט קרענקונג געהאַט — ויירא ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל יענעם ניט הרגענען, וייצר — ער האָט קרענקונג געהאַט, ער זאָל אַליין ניט געהרגעט ווערן. ער האָט געזאָגט: אויב ער וועט זיך אויף מיר מתגבר זיין — וועט ער מיך הרגענען; און אויב איך וועל זיך אויף אים מתגבר זיין — וועל איך אים הרגענען. אָט דערפאַר שטייט עס „ויירא וייצר".

און פון דעם פסוק „ויחץ את העם אשר אתו" לערנען מיר דאָ פון דער תורה דרך ארץ, אַז אַ מענטש זאָל ניט אַוועקלייגן איינגאַנצן זיין געלט אין איין אָרט.

און נאָכדעם ווי ער האָט אַוועקגעשיקט די קנעכט זיינען מיט די מתנות שטייט געשריבן: „ויקם בלילה ההוא ויקח את שתי נשיו ואת שתי שפחותיו ואת אחד עשר ילדיו" — און ער איז אויפגעשטאַנען אין אָט יענער נאַכט און ער האָט גענומען די צוויי ווייבער זיינע און די צוויי דינסטן זיינע. און וואו איז דינה געווען? ער האָט זי אַריינגעלייגט אין אַ קאַסטן און האָט זי פאַרשלאָסן דאָרטן. ער האָט געזאָגט: דער דאָזיקער רשע האָט אויגן גרויסע, האָב איך מורא, ער זאָל זי ניט אַוועקנעמען פון מיר, אַז ער וועט זי דערזען. האָט צו אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: „למס מרעהו חסד" — דערפאַר וואָס דו האָסט פאַרמיטן פון דעם חבר דיינעם גענאָד, דערפאַר וואָס דו האָסט מיט דעם ברודער דיינעם קיין חסד ניט געטאָן, וואָרים ווען דו וואָלסט זי אים געווען געגעבן, וואָלט זי אים געווען מחזיר למוטב געווען, ווען דיין עונש האָבן. וואָרום ווען זי זאָל געווען זיין פאַרהייראַט, וואָלט זי ניט געווען מזנה געווען. דו האָסט זי ניט געוואָלט חתונה מאַכן

פאַר אַ געמלטן, האָט זי חתונה געהאַט פאַר אַן ערל. דו האָסט זי ניט געוואָלט חתונה מאַכן בדרך היתר, האָט זי חתונה געהאַט בדרך איסור, ווי עס איז געשריבן „ותצא דינה בת לאה“.

וישקהו מיט פינטעלעך

„וירץ עשיו לקראתו... וישקהו“ — און עשיו איז געלאָפן אַנטקעגן אים... און האָט אים געקושט. אויפן „וישקהו“ געפינען זיך פינטעלעך. האָט רבי שמעון בן אלעזר געזאָגט: די פינטעלעך ווייזן דערויף אַז זיין רחמנות איז אין אים אין אָט יענעם מאָמענט דערוועקט געוואָרן אויף יעקבן און ער האָט אים מיט דעם גאַנצן האַרצן זיינעם געקושט. האָט צו אים רבי ינאי געזאָגט: טאָ פאַר וואָס זשע געפינען זיך די פינטעלעך אויף דעם וישקהו? אָן זיי וואָלט דאָך אודאי געווען די באַדייטונג פון וואָרט, אַז ער האָט אים אויף אַן אמת געקושט. נאָר די פינטעלעך ווייזן, אַז ער האָט ניט געמיינט צו קושן אים, נאָר צו בייסן אים. איז יעקב אבינוס האַלז געוואָרן דעמאָלט ווי פון מירמלשטיין און די ציינער פון אָט יענעם רשע זיינען אייליק געוואָרן, און דערפאַר שטייט „ויבכו“, זיי האָבן ביידע געוויינט. דער האָט באַוויינט דעם האַלז זיינעם, און דער האָט באַוויינט די ציין זיינע.

פרשת וישב

שטן מקטרג

עס שטייט געשריבן „למסת נקיים ילעג" — צו שפּאָט מאַכט ער דאָס פאַרמעגן פון די ריינע מענטשן. די דאָזיקע ווערטער גייען אויף דעם שטן. ער מאַכט צו שפּאָט די שלוה, וואָס די צדיקים פאַרמאָגן. ער איז מקטרג אויף דער שלוה אין וועלכער זיי געפינען זיך.

רבי אחא האָט געזאָגט: בשעת די צדיקים זיצן אין שלוה און זיי ווילן, אַז די שלוה אין וועלכער זיי געפינען זיך אויף דער וועלט, זאָל אָנהאַלטן, קומט דער שטן און איז מקטרג אויף זיי. ער זאָגט: עס איז זיי ניט גענוג דאָס אַלעס, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר זיי אויף יענער וועלט, נאָר זיי ווילן נאָך זיצן אין שלוה אויך אויף דער וועלט.

אַ סימן האָסטו אַז עס איז אַזוי: יעקב אבינו — דורכדעם, וואָס ער האָט געוואָלט זיצן בשלוה אויף דער וועלט, ווי עס איז געשריבן „וישב יעקב", איז געקומען אויף אים דער ענין יוסף.

און פאַר דעם פּסוק „וישב יעקב" ווערן אויסגערעכנט די אַלע „אלופי עשו". האָט רבי חוניא געזאָגט: דאָס איז אַ משל צו איינעם, וואָס איז געגאַנגען אין וועג און האָט אַ באַנדע הינט דערזען. האָט ער פאַר זיי זייער מורא געהאַט און ער האָט זיך צווישן זיי אָוועקגעזעצט. וואָרים אַ הונט, אַז מען ווייזט אים, אַז מ'האָט פאַר אים קיין מורא ניט, טשעפּעט ער ניט.

און אַט אַזוי איז דאָ אויך געשען. אַז יעקב אבינו האָט דערזען עשיון און די אלופים זיינע, האָט ער זיך באַזעצט צווישן זיי.

און רבי לוי האָט געזאָגט: דאָס איז אַ משל צו אַ שמיד, וואָס זיין פלאַץ האָט זיך געעפנט אין מיטן גאַס אַדיין, און די טיר פון זיין זון דעם גאָלדשמיד איז אַנטקעגן זיין טיר אָפן געווען. האָט ער געזען, ווי גרויסע בינטלעך דערנער זיינען אַריינגעפירט געוואָרן אין גאַס. האָט ער געזאָגט: וואו וועלן זיך עס קענען אַהין טאָן אַט די דאָזיקע אַלע בינטלעך? האָט זיך געפונען דאָרטן אַ פּקח איינער, האָט ער

געזאָגט צו אים: אַט פאַר די האָסטו מורא? איין פונק וועט פון דיר אַרויסגיין און איין פונק פון דעם זון דיינעם וועסטו זיי פאַרברענען אַלע.
און אַט אַזוי איז דאָ אויך געווען.

אַז יעקב אבינו האָט געזען עשׂון און די אלופים זיינע, האָט ער מורא געהאַט. האָט צו אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: אַט פאַר די האָסטו מורא? איין פונק וועט פון דיר אַרויסגיין און איין פונק וועט פון דיין זון אַרויסגיין — וועסטו זיי פאַרברענען אַלע.

און דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט: „והיה בית יעקב אש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש — ודלקו בהם ואכלום" — און דאָס הויז פון יעקבן וועט דאָס פייער זיין, און דאָס הויז פון יוספן וועט זיין דער פלאַם, און דאָס הויז פון עשׂון וועט די שטרוי זיין — און זיי וועלן זיי אָנצינדן און פאַרברענען זיי.

און נאָך דעם פסוק „וישב יעקב" שטייט אלה תולדות יעקב, יוסף בן שבע עשרה שנה". דער פסוק זאָגט: דאָס זיינען די קינדער פון יעקבן און ער דערמאָנט נאָר יוספן. האָבן די חכמים אַזוי געדרשנט: „אלה תולדות יעקב — יוסף" — די דאָזיקע אַלע קינדער יעקבס זיינען געקומען נאָר אין זכות פון יוספן און צוליב אים. איז דען ניט יעקב געגאַנגען צו לבנן נאָר צוליב רחלען. די דאָזיקע אַלע קינדער האָבן געוואַרט ביז יוסף איז געבאָרן געוואָרן. ער איז דער שטן פון יענעם רשע פון עשׂון געווען. און דעריבער, אַז ער איז געבוירן געוואָרן, איז: ויאמר יעקב אל לבן: שלחני ואלכה" — האָט דעמאָלט יעקב געזאָגט צו לבנען: שיק מיך אַוועק — און לאָמיר גיין. ווער האָט זיי אַראָפּגע־בראַכט קיין מצרים? יוסף. ווער האָט זיי געשפּייזט? יוסף. דער ים איז נאָר אין זכות פון יוספן געשפּאָלטן געוואָרן. רבי יודן ב"ר שמעון האָט געזאָגט: אויך דער ירדן אין יהושעס צייטן איז נאָר אין יוספס זכות געשפּאָלטן געוואָרן.

„ויוסף הורד מצרימה" — און יוסף איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין מצרים. לייען דאָ ניט „הורד", ער איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן, נאָר „הוריד" — ער האָט אַראָפּגעבראַכט. אַ משל, צו אַ קו, וואָס מען האָט זי געפירט אין שלאַכט־הויז. האָט זי ניט געוואָלט גיין. איז וואָס האָט מען געטאָן מיט איר? מען האָט איר קינד פאַר איר געפירט איז זי נאָך דעם נאָכגעגאַנגען בעל כרחה, קעגן איר ווילן.
אַט אַזוי איז אויך דאָ געווען.

יעקב האָט באַדאַרפט געבראַכט ווערן געשמידט אין קייטן קיין מצרים. ווארים ווי באַלד עס איז אויף אים נגזר געוואָרן גלות, האָט ער באַדאַרפט געפירט ווערן אַהין, ווי אַלע, וואָס ווערן געפירט אין גלות. הקדוש ברוך הוא האָט אָבער געזאָגט: יעקב איז דער בני בכורי מיינער — און איך וועל אים בבזיון אַהין פירן? ווען איך זאָל אַריינגעבן אין פרעהס האַרץ — ער זאָל אים אַהין ברענגען, וועט ער אים אַהין ברענגען בבזיון. נאָר וואָס דען? איך וועל פאָראויס אים זיין זון פירן — וועט ער אים שוין אַליין נאָכגיין בעל כרחו, קעגן זיין ווילן.

און „הוריד" וועט אויך ווייזן דערויף, אַז ער האָט געבראַכט די שכינה מיט זיך קיין מצרים.

רבי פנחס האָט אין נאָמען פון רבי סימון געזאָגט: פון וואַנען וייסן מיר, אַז די שכינה איז געגאַנגען מיט יוספן קיין מצרים? דערפון וואָס עס איז געשריבן: „ויהי ה' את יוסף" — און גאָט איז געווען מיט יוספן.

גיי לייג דעם בער אַוועק...

און פון דעם פסוק „ותשא אשת אדוניו את עיניה" שטייט געשריבן „ויהי יוסף יפה תואר ויפה מראה". דאָס איז אַ משל צו אַ גבור, וואָס איז געשטאַנען אין גאַס און האָט אַלע מאָל די אויגן זיינע געגלעט און די האָר זיינע צערעכט געמאַכט און אויף די שפּיץ פינגער געשפּאַצירט. ער האָט געזאָגט: מיר פּאַסט מיין שיינקייט, מיר פּאַסן מיינע שיינע אויגן; מיר פּאַסן מיינע שיינע האָר, ווארים אַ גבור בין איך. האָבן צו אים די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען נעבן אים געזאָגט: אַז דו באַרימסט זיך אַזוי, אַז דו ביסט יאָ אַזאַ גבור — אָט האָסטו דעם בער, וואָס שטייט דאָרטן, גיי לייג אים אַוועק. איז דאָ אויך אַזוי געווען. אַז גאָט האָט געזען, אַז יוסף פּוצט זיך, אַז ער גיט זיך אָפּ פיל מיט זיין שיינקייט — האָט ער געזאָגט צו אים: אָט וועל איך אָנרייצן אויף דיר דעם בער אָט וועל איך דיר צו נסיון שטעלן.

און ווידער האָט גאָט צו נסיון יוספן געשטעלט צוליב די הרהורי דברים, וואָס זיינען דאָרטן געווען ווי עס ווייזט דערויף דער פסוק: „ויהי אחר הדברים האלה" — און עס איז נאָך די הרהורי דברים געווען.

ווער האָט מהרהר געווען? יוסף. ער האָט געזאָגט: אַז איך בין געווען אין הויז פון טאַטן, פלעגט דער טאַטע אויסקלייבן יעדע מתנה יפה און מיר זי אַוועקגעבן. פלעגן אין מיר דערפאַר די ברידער מיינע

אַן עין הרע אַריינברענגען. איצט אָבער, אַז איך בין דאָ, דאַנק איך דיר גאָט דערפאַר וואָס איך לעב דאָ ברווחה.

האָט צו אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: דו ליידיקגייער, ביי דיין לעבן שווער איך, אַז איך וועל אויף דיר אָנרייצן דעם בער.

און לויט אַנדערע קומט אויס, אַז יוסף אַליין האָט אויף זיך דעם נסיון אויסגעבעטן.

ער האָט געזאָגט: דער טאַטע איז צו נסיון געשטעלט געוואָרן. דער זיידע איז צו נסיון געשטעלט געוואָרן. נאָר איך ווער ניט צו נסיון געשטעלט. האָט צו אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: ביי דיין לעבן שווער איך, אַז איך וועל דיך שטעלן צו אַ סך אַ גרעסערן נסיון ווי איך האָב זיי געשטעלט.

די ווילדע תאווה פון פּוטיפרס ווייב

און רבי שמואל בר נחמן האָט געזאָגט: פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן די רשעים. אַז עס קומט זיי אָן די תאווה — ווערן זיי ווי די בהמות. זע ווי די צדקת רות האָט גערעדט. זי האָט געזאָגט צו בועזן: „ופרשת כנפיך על אמתך" — און דו זאָלסט פאַרשפּרייטן די פליגלען דיינע איבער דער דינסט דיינער. די אָבער האָט ווי אַ בהמה גערעדט. „ותאמר שכבה עמי" — זי האָט געזאָגט: קום ליג מיט מיר.

און אויך נאָכדעם, ווי מען האָט יוסף אַריינגעזעצט אין תפיסה האָט אין פּוטיפרס ווייב איר ווילדע תאווה געברענט. ווארים אויך ווען יוסף האָט זיך געפונען אין תפיסה פלעגט ער אָפטמאָל זיין אין דעם הויז פון זיין האַר פּוטיפר.

רב הונא אין נאָמען פון רבי אחאן האָט געזאָגט: פּוטיפרן איז זייער אָנגענעם געווען, אַז יוסף זאָל אים באַדינען. פלעגט יוסף אַרויס־גיין פון דאָרטן און וואַשן פאַר אים די גלעזער און גרייטן די טישן זיינע און די בעטן אויסבעטן ביי אים. פלעגט דעמאָלט פּוטיפרס ווייב צושטיין צו יוספן און זאָגן צו אים: עס וועט נאָך ווייניק זיין פאַר דיר אָט דער אומגליק, וואָס איך האָב אויף דיר געבראַכט, וואָס איך האָב דיר אין תפיסה איינגעשפּאַרט. ביי דיין לעבן, אַז איך וועל נאָך אויף דיר אַנדערע גרויסע צרות ברענגען. האָט ער איר געענטפערט: „עושה משפט לעשוקים" — גאָט טוט משפט צו די געקריוודעטע. האָט זי צו אים געזאָגט: איך וועל פון דיר דיין פּרנסה אַוועקנעמען. האָט ער איר געענטפערט: „נותן לחם לרעבים" — גאָט גיט ברויט צו די

הונגעריקע. האָט זי געזאָגט צו אים: איך וועל דיר בינדן אין קייטן. האָט ער איר געענטפערט: ה׳ מתיר אסורים — גאָט בינדט אויף די געבונדענע. האָט זי געזאָגט צו אים: איך וועל די הויך דיינע נידעריק מאַכן. האָט ער צו איר געזאָגט: ה׳ זוקף כפופים — גאָט גלייכט אויס די איינגעבויגענע. האָט זי געזאָגט צו אים: איך וועל די אויגן דיינע בלינד מאַכן. האָט ער איר געענטפערט: ה׳ פוקח עורים — גאָט מאַכט זעענדיק די בלינדע.

ביז וואַנען זיינען דערגאַנגען די ענויים אירע? רב הונא אין נאָמען פון רבי אחא האָט געזאָגט: ביז זי האָט אים אן אייזערנע שפיז אונטערן האַלז געלייגט, כדי ער זאָל אויפהויבן די אויגן זיינע און אַ קוק טאָן אויף איר.

און אַ מאַטראָנע איינע האָט געפרעגט רבי יוסין. זי האָט געזאָגט צו אים: ווי קען עס זיין? יוסף איז אַלט געווען דעמאָלט זיבעצן יאָר. ער איז דעמאָלט אין גאַנצן הייסן בלוט זיינעם געווען — ווי האָט ער זיך געקענט גובר זיין.

האָט ער אַרויסגענומען פאַר איר דעם ספר „בראשית” און האָט אָנגעהויבן לייענען פאַר איר די מעשה וועגן ראובן און בלהה. די מעשה מיט יהודה און תמר. ער האָט געזאָגט צו איר: מה דאָך די וואָס זיינען גרויסע געווען און האָבן זיך אין רשות פון זייער פאָטער געפונען, האָט דער פסוק אויף זייערע מעשים ניט פאַרדעקט. אָט דער וואָס איז נאָך אַ קליינער געווען און אין זיין אייגענעם רשות געווען, איז על אחת כמה וכמה, אַז דער פסוק וואָלט ניט זיינע מעשים פאַרלייקנט.

גאָט פאַרגעסט ניט

„ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו” — און דער שר המשקים האָט ניט געדענקט יוספן און ער האָט אים פאַרגעסן. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: דער שר המשקים האָט דיך פאַרגעסן. איך וועל דיך אָבער ניט פאַרגעסן. ווער האָט זיך געריכט אויף אברהמען און שרהן, וואָס זיי זיינען שוין אַלטע לייט געווען, אַז עס וועט ביי זיי געבוירן ווערן אַ זון? ווער האָט זיך געריכט אויף יעקבן, וואָס ער איז מיט זיין שטעקן איבערגעגאַנגען דעם ירדן, אַז ער וועט זיך פונאַנדערשפּרייטן און רייך ווערן? ווער האָט זיך געריכט אויף יוספן וואָס ער

האָט אַזוי פיל צרות דורכגעלעבט, אַז ער וועט זיין אַ מלך? ווער האָט זיך געריכט אויף משהן, וואָס ער איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין טייך אַריין, אַז עס וועט פון אים ווערן דאָס, וואָס עס איז פון אים געוואָרן? ווער האָט זיך געריכט אויף רותן, וואָס זי איז אַ גרה געווען, אַז מלכות־ישראל וועט פון איר אַרויסקומען? ווער האָט זיך געריכט אויף דודן אַז ער וועט אַ מלך זיין עד סוף כל הדורות? ווער וואָלט זיך געקענט ריכטן אויף יהוכין, אַז ער זאָל אַרויסגיין פון תפיסה? ווער וואָלט זיך געקענט ריכטן אויף חנניה, מישאל ועזריה, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין פון פייער? ווער וואָלט זיך געקענט ריכטן אויף די אידן אין המנס צייטן, אַז הקדוש ברוך הוא זאָל זיי מציל זיין? ווער וואָלט זיך געקענט ריכטן אויף די אידן אין גלות, אַז זיי זאָלן נאָך זיין „לשם ולתהלה"? ווער וואָלט זיך געקענט ריכטן אויף דער סוכת דוד הנופלת, אַז הקדוש ברוך הוא זאָל זי צוריק אויפשטעלן? ס'וועט אָבער אויך דאָס אַלעס געשען. ווי ס'איז געשריבן: „ביום ההוא אקים את סוכת דוד" — אָט אין יענעם טאָג וועל איך צוריק אויפשטעלן דאָס איינגעפאַלענעביידל פון דודן. ווער וואָלט זיך געקענט ריכטן, אַז די אַלע מענטשן וועלן ווי ברידער זיין, אַז די גאַנצע וועלט וועט אין איין ברידערלעכן פאַרבאַנד פאַראייניקט ווערן? עס וועט אָבער קומען אַ צייט, ווען דאָס אַלעס וועט געשען, ווי עס שטייט געשריבן: „כי אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא בשם ה' ולעבדו שכם אחד". וואָרים דעמאָלט וועל איך איבערוואַנדלען די אַלע פעלקער, זיי זאָלן אַלע אַ ריינע שפּראַך האָבן, זיי זאָלן רופן אַלע אין נאָמען פון גאָט און זאָלן אים אַלע אַקסל אין אַקסל דינען.

פרשת מקץ

פאַרשאָלטן זאָלן די רשעים זיין

„קץ שם לחושך" — ער מאַכט אַ סוף צו פינצטערניש. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ צייט פאַר יוספן, וויפיל יאָר ער זאָל זיך אין דער פינצטערניש געפינען — אין תפיסה. און אַז עס האָט זיך די באַשטימטע צייט געענדיקט — האָט זיך פרעהן אַ חלום געחלומט.

„בקש לץ חכמה ואין" — ער זוכט הכמה דער לץ און קאָן ניט געפינען. דער דאָזיקער פסוק גייט אויף די חכמי פרעה און די חרטומים פון מצרים. זיי האָבן געוואָלט פותר חלום זיין פרעהן און זיי האָבן ניט געקענט. „ודעת לנבון נקל" — און פאַר דעם פאַרשטענדיקן איז גרינג צו וויסן; דאָס גייט אויף יוספן. גאָט האָט צוגענומען די חכמה פון די חרטומי מצרים, כדי יוסף זאָל צולעצט קומען און זאָל עולה לגדולה זיין. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: אויב יוסף וועט קומען פריער און וועט פותר זיין דעם חלום, וועט דאָס ניט זיין קיין גרויסער שבח פאַר אים. די חרטומים וועלן קאָנען דעמאָלט זאָגן צו פרעהן: ווען דו וואָלסט אונז געוועזן פרעגן, וואָלטן מיר דיר געוועזן פותר געוועזן דעם חלום. נאָר וואָס דען? ער האָט זיי אויסגעוואַרט, ביז זיי האָבן זיך איינגעמאַטערט און האָבן ביי פרעהן די נשמה אַרויסגענומען, און נאָכדעם איז געקומען יוסף און האָט זי אים צוריק אומגעקערט.

און אַז דער שר המשקים האָט געזען, אַז פרעה האַלט ביים שטאַרבן פון גרויס צער, וואָס קיינער קאָן אים ניט דעם חלום זיינעם פותר זיין, האָט ער זיך געטראַכט און געזאָגט צו זיך: אויב דער פרעה וועט שטאַרבן און עס וועט קומען אַן אַנדער מלך אויף זיין אָרט — ווייס איך ניט, צי ער וועט מיך לאָזן אין דעם אַמט מיינעם. האָט ער דעמאָלט געזאָגט צו פרעהן: „את חטאי אני מזכיר היום" — צוויי זינד האָב איך אויף זיך: איינע, וואָס איך האָב יוספן קיין טובה ניט געטאָן, איך זאָל אים דערמאָנען פאַר דיר; און נאָך אַ זינד, וואָס איך האָב דיך געזען זיך מצער זיין צו וויסן דעם פתרון פון חלום, און איך האָב דיר גאָרניט געזאָגט וועגן אים, אַז ער קען פותר חלום זיין.

און כאָטש ער האָט שוין איצט חרטה געהאַט אויף זיין זינד, איז ער נאָך אַלץ געבליבן אַ רשע, אַפילו אַז ער האָט אים שוין יאָ דערמאָנט האָט ער אים בלשון בזיון דערמאָנט. ער האָט געזאָגט: „ושם אתנו נער עברי" — און דאָרט איז מיט אונז געווען אַן עברי־אינגל. ער האָט עס געטאָן בכיוון, ווייל ער האָט געוואוסט צו וואָס פאַר אַ גדולה יוסף קאָן דערהויבן ווערן. האָט ער אים געוואָלט מבזה זיין אין די אויגן פון פרעה.

רבי שמעון בן גמליאל האָט געזאָגט: פאַרשאָלטן זאָלן זיין די רשעים, וואָס ווען זיי טוען אפילו אַמאָל אַ טובה, איז די טובה זייערע קיינמאָל קיין טובה שלימה ניט. ווען דער שר המשקים האָט גערעדט צו פרעהן וועגן יוסףן, האָט ער אים גערופן נער, עברי, עבד. ער האָט אים אָנגערופן נער, כדי פרעה זאָל זען, אַז ער האַלט אים פאַר אַ שוטה; עברי — בדי אים צו דערמאָנען, אַז ער באַדאַרף פון אים אַלס שונא באַטראַכט ווערן; עבד — כדי צו מאַכן אוממעגלעך, אַז פרעה זאָל אים לגדולה דערהויבן. וואָרים אַזוי איז פאַרשריבן געווען אין נימוס — אין מנהגים רעגלאַמענט — פון דער פרעה־דינאַסטיע, אַז קיין קנעכט זאָל ניט טאָרן קיין הערשער זיין אין מצרים און זאָל אויך ניט טאָרן קיין צירונג אויף זיינע הענט טראָגן.

יעקבס האָפנונג

„וירא יעקב כי יש שבר במצרים". זאָלסט ניט לייענען „שבר" נאָר „סבר", וואָס דער טייטש דערפון איז האָפנונג. וואָרים יעקב האָט בספּקלריא, מיט רוח הקודש, געזען, אַז אין מצרים געפינט זיך זיין האָפנונג: יוסף.

און אויך די ברידער זיינען געפאָרן מיט דעם געדאַנק, אַז זיי וועלן דאָרט געפינען יוסףן.

און דערפאַר שטייט: „וירדו אחי יוסף". בני ישראל וואָלט דאָ דער פּסוק באַדאַרפט זאָגן, נאָר דערפאַר שטייט „אחי יוסף" צו ווייזן, אַז זיי זיינען אַלס די ברידער פון יוסףן קיין מצרים, אַז זיי זיינען געפאָרן אַהין מיט דעם געדאַנק צו געפינען יוסףן. פריער האָבן זיי זיך ניט נוהג געווען מיט אים מעשה ברודער און זיי האָבן אים פאַר־קויפט קיין מצרים. צום סוף אָבער האָבן זיי חרטה געהאַט און זיי האָבן געזאָגט: ווען וועלן מיר שוין קיין מצרים גיין — מיר זאָלן אומקערן

אונזער ברודער צו זיין פאָטער. און אַז דער פאָטער זייערער האָט צו זיי געזאָגט זיי זאָלן גיין קיין מצרים, האָבן זיי אַלע זייער געדאַנק געגעבן דערויף, זיי זאָלן אים אומקערן.

און רבי יהודה בר סימון האָט געזאָגט: אויך יוסף האָט געוואוסט, אַז זיינע ברידער גייען קיין מצרים קויפן עסן. איז וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט געזעצט שומרים ביי אַלע טויערן און ער האָט געזאָגט צו זיי: זעט יעדער איינער, וואָס וועט אַריינקומען קויפן עסן, זאָלט איר פאַר־שרייבן זיין נאָמען און דעם נאָמען פון זיין פאָטער, און אין אָוונט זאָלט איר מיר ברענגען די צעטעלעך. האָבן זיי אַזוי געטאָן.

און איידער די בני יעקב האָבן פאַרלאָזן זייער היים, האָט זיי זייער פאָטער אָנגעזאָגט: איר זענט שיינע מענער אַלע, איר זענט גבורים אַלע — זאָלט איר ניט צוזאַמען דורך איין טויער אַלע אַריינ־קומען און זאָלט ניט אַלע צוזאַמען אויף איין אָרט זיך געפינען, כדי עס זאָל אויף אייך קיין בייז אויג ניט קומען.

איז איצט, אַז די בני יעקב זיינען קיין מצרים געקומען, איז יעדער פון זיי אַריינגעגאַנגען דורך זיין באַזונדער טויער, און די, וואָס זיינען געשטאַנען ביי די טויערן, האָבן פאַרשריבן זייערע נעמען.

אין אָוונט האָבן די שומרים געבראַכט יוספן די צעטעלעך — און זיי האָבן אָנגעהויבן לייענען פון זיי פאַר אים די נעמען פון די בני יעקב. איינער האָט געלייענט: ראובן בן יעקב, און אַ צווייטער האָט געלייענט: שמעון בן יעקב, אַ דריטער: לוי בן יעקב; און אָט אַזוי האָבן די אַלע איבעריקע שומרים געלייענט די ווייטערדיקע צעטע־לעך. יעדער האָט זיין צעטעלע געלייענט.

און יוסף האָט באַלד געזאָגט צו זיי: פאַרמאַכט די אַלע מאַגאַ־זינען און האַלט אָפן נאָר איין מאַגאַזין.

און ער האָט געגעבן זייערע נעמען צום ממונה איבער דעם מאַגאַזין. און ער האָט געזאָגט צו אים: זע, אַז די דאָזיקע מענטשן וועלן קומען צו דיר — זאָלסטו פאַרהאַלטן זיי און שיקן צו מיר.

זיינען דריי טעג אַוועקגעגאַנגען און זיי זיינען ניט געקומען.

האָט יוסף באַלד גענומען זיבעציק גבורים פון מלכס הויז און ער האָט זיי געשיקט נאָך זיי, מען זאָל זיי זוכן אין מאַרק.

זיינען זיי געגאַנגען און האָבן זיי געפונען אין מאַרק פון די זונות.

און וואָס האָבן זיי געהאַט צו טאָן אין מאַרק של זונות? — נאָר

זיי האָבן געזאָגט: אונזער ברודער יוסף איז דאָך אַזוי שיין און מלא חן געווען. אפשר איז ער אין אַ הויז אַהין פאַרקויפט געוואָרן.

האָט מען זיי געכאַפּט און געבראַכט פאַר יוספן. איז באַלד „ויתנכר אליהם וידבר אתם קשות", — ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט זיי זיין אַ פרעמדער, און ער האָט מיט זיי האַרטע רייד גערעדט.

ער האָט גענומען דעם בעכער און האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין אים. ער האָט געזאָגט צו זיי: איך זע אין דעם בעכער, אַז איר זענט מרגלים, אויסשפּירער. האָבן זיי צו אים געזאָגט: מיר זיינען אָרנטלעכע מענטשן, נאָר אָט אַזוי האָט אונז אונזער פאָטער אָנגעזאָגט: איר זאָלט ניט אַריינגיין אַלע דורך איין טויער.

האָט ער צו זיי געזאָגט: און אין זונות־קוואַרטאַל וואָס האָט איר געטאָן? דאָרט האָט איר קיין מורא ניט געהאַט פאַר קיין עין־הרע? אויף אַזוינע פּלעצער איז ניט חל דער אָנזאָג פון אייער פאָטער.

האָבן זיי צו אים געזאָגט: אַן אבידה האָבן מיר פאַרלוירן, האָבן מיר זי דאָרט געזוכט.

האָט ער געזאָגט צו זיי: וואָס פאַר אַן אבידה איז דאָס? איך זע מיט דעם בעכער מיינעם, אַז צוויי פון אייך האָבן חרוב געמאַכט דעם גרויסן כרך שכם און נאָכדעם האָט איר פאַרקויפט אייער ברודער צו אַראַבער.

זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרן תיכף און זיי האָבן געזאָגט צו אים: צוועלף ברידער זיינען מיר; מיר זיינען אַלע די קינדער פון איין פאָטער.

האָט ער געזאָגט צו זיי: און וואו זיינען די איבעריקע צוויי?

האָבן זיי געזאָגט צו אים: איינער איז ניטאָ, ער איז געשטאָרבן; און דער קלענערער איז איצט מיט אונזער פאָטער געבליבן.

האָט ער געזאָגט: ברענגט אייער קלענערן ברודער מיט אייך.

האָט ער גענומען שמעונען און האָט אים געבונדן פאַר זייערע אויגן דערפאַר, וואָס ער האָט אים צום גרוב אַ שטויס געטאָן; ער האָט אים אָפּגעטיילט פון לוין, כדי זיי זאָלן ביידע אינאיינעם קיין עצה וועגן אים ניט צוקלערן.

און שמעון האָט דעמאָלט געזאָגט צו זיינע ברידער: אָט אַזוי האָט איר געטאָן מיט יוספן און אָט אַזוי ווילט איר אויך מיט מיר טאָן.

האָבן זיי אים געענטפערט: וואָס זאָלן מיר טאָן, זאָלן שטאַרבן אונזערע הויזלייט פאַר הונגער?

האָט ער צו זיי געזאָגט: טוט וואָס איר ווילט; אַט וועלן מיר באַלד זען, ווער עס וועט מיך אין תפיסה קאָנען אַריינפירן.

און יוסף האָט באותה שעה געשיקט שליחים צו פרעהן און ער האָט געזאָגט צו אים: שיק מיר זיבעציק גבורים פון די גבורים, וואָס געפינען זיך ביי דיר; וואָרים איך האָב געכאַפּט גזלנים, וויל איך אויף זיי קייטן אָנטאָן.

האָט אים פרעה באַלד געשיקט די זיבעציק גבורים.

און יוספס ברידער זיינען געשטאַנען און האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם אַלעם, וואָס עס איז פאַר זייערע אויגן פאָרגעקומען, און האָבן זיך געטראַכט בשעת מעשה: וואָס וויל ער דאָ טאָן אַזוינס, יוסף?

און יוסף האָט זיך צו אָט יענע גבורים אָנגערופן: ברענגט אָט יענעם אין תפיסה אַריין.

זיינען זיי צוגעקומען צו אים, זיי זאָלן טאָן מיט אים ווי יוסף האָט זיי געהייסן.

האָט זיך שמעון דאַן פאַנאַנדערגעשריען אויף זיי.

און אַז זיי האָבן דערהערט דאָס קול זיינס, וואָס האָט זיך ווי אַ דונער איבער זייערע קעפּ געטראָגן, איז אויף זיי אַ גרויסע אימה געקומען, און פאַר גרויס שרעק זיינען זיי צו דער ערד געפאַלן און האָבן, פאַלנדיק אַלע זייערע ציינער זיך צעבראָכן.

און מנשה איז דעמאָלט פאַר זיין פאָטער יוסף געזעסן. האָט ער געזאָגט צו אים: פיר אים דו אין תפיסה אַריין.

האָט זיך מנשה באַלד אויפגעהויבן און מיט איין קלאַפּ, וואָס ער האָט דערלאַנגט שמעונען, האָט ער אים ווידערשטעלונגסלאָז געמאַכט. האָט ער אים דאַן אין תפיסה אַריינגעפירט און קייטן אויף אים אָנגעטאָן.

און ער האָט געזאָגט צו זיי, יוסף: אָט דער־אָ וועט זיין אין תפיסה ביז איר וועט ברענגען אייער ברודער, כדי צו באַווייזן אַז איר האָט אמת געזאָגט.

און באַלד האָט ער געהייסן, יוסף, און מ׳האָט אָנגעפילט זייערע כלים.

זיינען זיי געגאַנגען צו זייער פאָטער און האָבן אים דערציילט אַלץ, וואָס איז געשען.

האָט ער געענטפערט, זייער פאָטער און געזאָגט צו זיי: וואו איז שמעון? איר האָט מיך באַרויבט פון מיינע קינדער. יוסף איז ניטאָ, און שמעון איז אויך ניטאָ. ווילט איר נאָך אויך בנימינען צונעמען?

האָט ראובן געזאָגט צו זיין פאָטער: מיינע צוויי זין זאָלסטו טויטן, אויב איך וועל אים דיר ניט צוריקברענגען.

און יעקב האָט אים געענטפערט: דו, בכור שוטה, וואָס דו ביסט. וואָס וועל איך האָבן דערפון, וואָס איך וועל דיינע קינדער הרגענען? זיינען דען ניט דיינע קינדער אויך מיינע קינדער?

האָט יהודה געזאָגט צו זיי: לאָזט אים, דעם אַלטן, ביז עס וועט שוין קיין ברויט ניט בלייבן אין הויז.

און אַז זיי האָבן שוין ניט געהאַט וואָס צו עסן, האָט יהודה געזאָגט צו אים: טאַטע אויב בנימין וועט גיין מיט אונז, איז אַ ספק, צי ער וועט יאָ אָוועקגענומען ווערן פון דיר, אָדער ער וועט ניט אַוועקגענומען ווערן פון דיר; אויב ער וועט אָבער ניט גיין מיט אונז, וועלן מיר דאָך זיכער אַלע פון הונגער אויסגיין. איז בעסער, דו זאָלסט דעם ספק פאַרקוקן און נאָר דעם ודאי — דעם געוויס — געדענקען.

און ווידער האָבן מיר געלערנט: בשעת די ברידער האָבן געזאָגט צו יוספן: „שנים עשר עבדיך אַחים אנחנו" — צוועלף זיינען זיי, די קנעכט דיינע. ברידער זיינען מיר. האָט ער געזאָגט צו זיי: און וואו איז דער צוועלפטער? — האָבן זיי געזאָגט צו אים: מיר האָבן אים פאַרקויפט. האָט ער צו זיי געזאָגט: און פאַר וויפיל האָט איר אים פאַרקויפט? — האָבן זיי געזאָגט צו אים: פאַר פינף סלעים. האָט ער געזאָגט צו זיי: און אויב עמיצער וואָלט אייך זאָגן: גיט מיר פינף סלעים און איך וועל אים אייך צוריקגעבן, — וואָלט איר געגעבן? — האָבן זיי געזאָגט: יאָ. האָט ער צו זיי ווייטער געזאָגט: און אויב עמיצער וואָלט אייך געזאָגט: גיט מיר צוויי מאָל אַזוי פיל, וועל איך אים אייך אָפּגעבן, — וואָלט איר געגעבן? — האָבן זיי געזאָגט: יאָ. האָט ער זיי ווייטער געפרעגט: און אויב עמיצער וואָלט צו אייך געזאָגט: אַפילו אַז איר זאָלט מיר געבן טויזנט סלעים פאַר אים, וועל איך אים אייך ניט צוריקגעבן, — וואָס וואָלט איר דאַן געטאָן? — האָבן זיי געזאָגט צו אים: אויף דערויף זיינען מיר געקומען: אָדער יענעם הרגענען, אָדער אַליין געהרגעט ווערן.

פרשת ויגש

ווען יהודה פלעגט אין כעס ווערן

האָט רבי חנין געזאָגט: בשעת יהודה פלעגט אין כעס ווערן, פלעגן די האָר, וואָס האָבן זיך ביי אים אויפן ברוסטקאַסטן געפונען, דורכשפּאַלטן די קליידער זיינע און דורכגיין דורך זיי. און ער פלעגט דעמאָלט אַריינגעמען שטיקער אייזן אין מויל — און אויסשפּייען זיי נאָכדעם ווי ער האָט זיי אין שטויב צעקייט.

און יהודה האָט געזאָגט צו יוסףן: „כי כמוך כפרעה״, דו ביזט ווי פרעה. ער האָט צו אים געזאָגט: אַזוי ווי פרעה איז אַ גוזר ואינו מקיים, אַזוי ווי ער זאָגט־צו און האַלט קיין וואָרט ניט, אַזוי ביסטו אַ גוזר ואינו מקיים. אַזוי ווי פרעה יאָגט זיך נאָך זכרים, אַזוי ביסטו להוט, אַזוי יאָגסטו זיך נאָך זכרים. אַזוי ווי פרעה איז אַ מלך און דו ביסט דער שני למלך זיינער אין לאַנד מצרים, אַזוי איז דער טאַטע אונזערער אַ מלך אין לאַנד כנען — און איך בין דער שני למלך זיינער. און אויב איך וועל מיין שווערד אַרויסציען — וועל איך פון דיר אָנהויבן און מיט פרעהן, דעם רבין דיינעם, וועל איך ענדיקן.

און ווען ער זאָל געוועזן זאָגן: „פון פרעהן וועל איך אָנהויבן״, וואָלט ער אים געוועזן אָפּגעלאָזט, יוסף. אַז ער האָט אָבער געזאָגט: „פון דיר וועל איך אָנהויבן״, האָט ער אַ וואונק געגעבן צו מנשהן.

און מנשה האָט איין טופּע געטאָן מיטן פוס, האָט אָנגעהויבן דער גאַנצער פּאַלאַץ צו ציטערן.

האָט יהודה דעמאָלט געזאָגט: עס זעט עפּעס אויס, אַז פון טאַטנס הויז קומט דער דאָזיקער טופּע מיטן פוס.

און אַז ער האָט דאָס געזען, האָט ער שוין אָנגעהויבן ריידן ווייכע רייד.

און רבי יוחנן האָט געזאָגט: בשעת יוסף הצדיק האָט פאַרהאַלטן בנימינען און ער האָט געזאָגט צו זיי, צו די ברידער זיינע: דער מאַן ביי וועמען מען וועט געפינען דעם בעכער, ער וועט מיינער אַ קנעכט

זיין — דעמאָלט האָט יהודה געזאָגט צו בנימינען: בנימין, דו ביסט פאַרהאַלטן, און אין הויז פון טאַטן מיינט מען, אַז אַלץ איז דאָ כשורה, ווי געהעריק. איז ער באַלד אין כעס געוואָרן, יהודה, און האָט אויף אַ הויך קול אַ געשריי געטאָן.

און דאָס קול זיינס איז פיר הונדערט מייל געגאַנגען. האָט חושים בן דן, יעקבס אייניקל, דאָס קול ביי זיך אין דער היים דערהערט, און ער האָט אַ שפּרונג געטאָן פון לאַנד כנען און איז צוגעקומען צו יהודהן.

האָבן זיי בײדע דעמאָלט אָנגעהויבן שרייען, און פון זייערע געשרייען האָט זיך שיער ניט דאָס לאַנד מצרים איבערגעדרייט.

און די אַלע גיבורים יוספס זיינען ביי זיי אַלעמען זייערע ציין אַרויסגעפאַלן פון דעם געשריי, וואָס יהודה האָט געשריען, ווען ער איז אין כעס געוואָרן.

און אויך די ברידער זיינע, אַז זיי האָבן געזען, אַז יהודה איז אין כעס, זיינען זיי אויך מלא הימה געוואָרן, און זיי האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן מיט זייערע פיס אין דער ערד און האָבן אָנגעמאַכט חורבות אויף איר.

און ער האָט געזאָגט, יהודה: אפשר וועט מיר הקדוש ברוך הוא מוחל זיין אויף דער זינד וואָס איך האָב פאַרפירט דעם טאַטן און איך האָב אים געזאָגט אַז איך וועל אים צוריקברענגען בנימינען.

און באותה שעה איז ער מלא חימה געוואָרן אויף יוספן, און עס האָבן זיך באַלד באַוויזן די סמנים פון זיין כעס.

און וואָס זיינען די דאָזיקע סמנים געווען?

ווען ער פלעגט אין גרויסן כעס אַריינקומען, פלעגט אים פון רעכטן אויג בלוט אָנהויבן גיין. און פינף מלבושים האָט ער אויף זיך געטראָגן. האָט ער אַ האָר אויף זיין ברוסט געהאַט, איז בשעת ער פלעגט אין כעס ווערן, פלעגט זי דורכלעכערן די אַלע פינף מלבושים.

און אַז יוסף האָט דערזען די דאָזיקע סימנים, האָט ער זיך זייער דערשראָקן. ער האָט געזאָגט: ווי איז מיר, אפשר וועלן זיי מיך דערהרגענען.

און וואָס האָט ער געטאָן, יוסף, באותה שעה?

אַט יענער שטיינערנער זייל, וואָס ער איז געזעסן אויף אים, האָט ער אים אַ שטויס געטאָן און האָט פון אים אַ הויפן שטיינדלעך געמאַכט.

האָט ער זיך פאַרוואונדערט באַלד, יהודה, און ער האָט געזאָגט אַט דער איז דאָך נאָך אַ גרעסערער גיבור פון מיר.

און אין יענעם מאָמענט האָט יהודה אָנגעכאַפּט די שווערד זיינע ער זאָל זי אַרויסנעמען פון איר שיידל. האָט זי זיך ניט געלאָזט אַרויס־צ־יען.

האָט ער געזאָגט, יהודה: אַט דער מוז אוודאי אַ ירא שמים זיין.

און ער האָט זיך אָנגעהויבן אויסטענהן, יהודה, מיט יוספן.

ער האָט געזאָגט צו אים: פון אָנהויב־אָן ביסטו אויף אונז מיט בלבולים געקומען. וויפיל מדינות זיינען געקומען קויפן עסן אין מצרים, און דו האָסט גאָר קיינעם גאָרנישט אויסגעפרעגט. צי זיינען מיר דען דיין טאָכטער געקומען פאַר אַ ווייב נעמען, וואָס דו האָסט זיך עס אַזוי ביי אונז אויף אַלץ נאָכגעפרעגט. אָדער אפשר האָסטו בדעה אונזער שוועסטער פאַר אַ ווייב נעמען? און פונדעסטוועגן האָבן מיר פון דיר גאָרנישט פאַרהוילן. מיר האָבן דיר אַלץ דערציילט.

האָט צו אים יוסף געזאָגט: איך זע אין דיר, אַז דו ביסט אַ באַ־רעדעוודיקער. געפינט זיך צווישן די ברידער דיינע נאָך אַזאַ באַ־רעדעוודיקער, ווי דו ביסט? פאַרוואָס ביסטו עס עפּעס דער אַרויס־שטעלער צווישן זיי?

האָט ער געזאָגט צו אים: אַט דאָס אַלץ, וואָס דו זעסט, איז דער־פאַר, וואָס איך האָב פאַר אים ערב געווען.

יוסף האָט געזאָגט צו אים: פאַרוואָס האָסטו מיט די ברידער דיינע ניט געטאָן אַזוי ווען איר האָט פאַרקויפט אייער ברודער צו די ישמעאלים פאַר צוואַנציק זילבערשטיק און דו האָסט מצער געווען דעם אַלטן טאַטן דיינעם און האָסט צו אים געזאָגט: „טרוף, טרוף יוסף" — פאַר־צוקט איז יוסף געוואָרן פון אַ חיה?

און אַז יהודה האָט דאָס דערהערט האָט ער געשריען און געוויינט זייער שטאַרק.

ער האָט געזאָגט: „ווי אַזוי וועל איך קאָנען קומען צום פאָטער?"

און ער האָט געזאָגט, יהודה, צו נפתלין: גיי און זע וויפיל מאַרקן געפינען זיך אין מצרים.

האָט ער אַ שפּרונג געטאָן און איז צוריקגעקומען און האָט געזאָגט צו אים: צוועלף.

האָט יהודה געזאָגט צו די ברידער זזיינע: איך וועל אַליין 3 פון זיי חרוב מאַכן, און איר נעמט אויף זיך יעדער איינער איינעם חרוב צו מאַכן — ווען מיר פון זיי קיינעם ניט איבערלאָזן.

האָבן צו אים די ברידער זיינע געזאָגט: יהודה, מצרים איז ניט שכם. אויב דו מאַכסט חרוב מצרים, מאַכסטו חרוב די גאַנצע וועלט.

און באותה שעה האָט שוין יוסף ניט געקאָנט זיך מער איינהאַלטן. אַז יוסף האָט געזען אַז זיי האָבן אין זייער געדאַנק געהאַט חרוב מאַכן מצרים, האָט ער געטראַכט ביי זיך אין האַרצן: בעסער וועל איך זיך דערקענען צו זיי און זאָלן זיי ניט חרוב מאַכן מצרים.

און ער האָט געזאָגט צו זיי, יוסף: האָט איר דען ניט אַזוי געזאָגט, אַז דער ברודער פון אָט דעם איז געשטאָרבן? אָט וועל איך אים אַ רוף טאָן, וועט ער צוקומען צו אייך.

און ער האָט אָנגעהויבן רופן: יוסף בן יעקב, קום־צו אַהער צו מיר. יוסף בן יעקב, קום־צו אַהער צו מיר.

האָבן זיי אָנגעהויבן קוקן אין די אַלע פיר ווינקלען פון הויז.

האָט ער געזאָגט צו זיי: וואָס קוקט איר? איך בין יוסף, אייער ברודער.

איז באַלד פּרחה נשמתם געוואָרן. זיי זיינען שיער ניט אַלע אָן אַ נשמה געבליבן. זיי האָבן אים אָבער ניט געגלויבט האָט ער זיי גע־געבן סימנים.

און רבי חמא ב״ר חנינה האָט געזאָגט יוסף האָט ניט כשורהדיק געטאָן, האָט ניט ריכטיק געהאַנדלט, וואָס ער האָט זיך דערקענט צו זיינע ברידער דעמאָלט. וואָרים ווען איינער פון זיי וואָלט אים אַ זעץ געטאָן, וואָלט ער באַלד געווען געשטאָרבן.

רבי שמואל בר נחמן זאָגט אָבער אַז יוסף האָט כהוגן וכשורה געטאָן, אַז ער האָט יאָ ריכטיק געהאַנדלט. ער האָט געוואוסט די צדקות פון די ברידער זיינע. ער האָט געזאָגט: חס ושלום, מיינע ברידער זיינען ניט חשוד אויף שפיכות דמים.

„ויתן את קולו בבכי, ולא יכלו אחיו לענות אותו״ — און ער האָט געגעבן זיין קול אין געוויין און זיינע ברידער האָבן אים ניט געקאָנט ענטפערן. אבא כהן ברדלא האָט געזאָגט: ווי איז אונז פאַר דעם יום־הדין, וואָס באַדאַרף קומען; ווי איז אונז פאַר דעם טאָג פון שטראָף,

וואָס דאַרף קומען. בלעם איז דער גרעסטער חכם פון די אומות העולם געווען, האָט ער די שטראָף־רייד פון זיין אייזל ניט געקאָנט אויס־האַלטן. ער האָט אים ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ווי עס שטייט געשריבן: „ותאמר האתון אל בלעם: ההסכן הסכנתי לעשות לך כה? ויאמר: לא. — און דאָס אייזל האָט געזאָגט צו בלעמען: האָב איך ווען צו דיר געטון אַזוינס? האָט ער געזאָגט: ניין. יוסף איז דער קלענ־סטער פון די שבטים געווען — און זיי האָבן די שטראָף זיינע ניט געקאָנט אויסהאַלטן. ווי עס שטייט געשריבן: „ולא יכלו אחיו לענות אותו, כי נבהלו מפניו" — און זיי האָבן ניט געקאָנט די ברידער זיינע, אים ענטפערן, ווארים זיי זיינען צעטומלטע געשטאַנען פאַר אים. על אחת כמה וכמה שוין, אַז הקדוש ברוך הוא וועט קומען און וועט שטראָפן יעדן איינעם לויט דעם, ווי ער איז — אַז עס וועט שווער זיין דעמאָלט די שטראָף־רייד זיינע אויסצוהאַלטן.

פרשת ויחי

פאַרן טויט ווערט פון מענטשן זיין שליטה אָפּגעטאָן

„אין שלטון ביום המות" — אַז אַ מענטש האַלט ביים שטאַרבן, גייט פון אים די שליטה זיינע — זיין הערשאַפט — אַוועק.

און אַט אַזוי זעען מיר, אַז ווען יעקב איז נוטה למות געווען — ווען ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער זיך משפיל געווען — געבויגן — פאַר יוספן און ער האָט געזאָגט צו אים: „אויב איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן". ער האָט זיך משפיל געווען פאַר יוספן, ווען ער איז קרוב למיתה געווען, ווי עס איז געשריבן: „ויקרבו ימי ישראל למות" — און עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג פון יעקבן ער זאָל שטאַרבן.

„ויקרא לבנו יוסף" — און ער האָט גערופן זיין זון יוספן — שטייט געשריבן. פאַרוואָס האָט ער נישט גערופן יהודהן, אָדער ראובנען? ראובן איז דאָך דער בכור געווען, און יהודה איז דער מלך געווען. פאַרוואָס זשע האָט ער זיי געלאָזט און האָט גאָר יוספן גערופן? פאַרוואָס האָט ער דאָס געטאָן? פאַרוואָס האָט ער גערופן יוספן? ווייל יוסף האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו טאָן זיין ווילן. דערפאַר וואָס עס איז דאַן זיין צייט געווען.

ער האָט צו אים געזאָגט: „אל תקברני במצרים" — דו זאָלסט מיך נישט באַגראָבן אין מצרים. — ער האָט צו אים געזאָגט: צוליב דיר האָב איך געזאָגט: „אמותה הפעם" — איך מעג שוין איצט שטאַרבן, דערפאַר בעט איך דיך, דו זאָלסט מיט מיר דעם חסד ואמת טאָן, דו זאָלסט מיך ניט באַגראָבן אין מצרים. וואָרום דער סוף אירער וועט זיין — זי זאָל געשלאָגן ווערן מיט דער מכה פון כנים — וועלן זיי זיך ראָיען אין גוף מיינעם — דעריבער איז „אל תקברני במצרים". און נאָך אַן אַנדער פשט איז פאַראַן אויף דעם „אל תקברני במצרים": יעקב האָט געבעטן, ער זאָל ניט באַגראָבן ווערן אין מצרים, כדי זיי זאָלן ניט מאַכן פון אים דאָרטן קיין עבודה זרה נאָך זיין טויט.

וואָרום פונקט ווי מען רעכנט זיך אָפּ מיט דעם, וואָס דינט צו דער עבודה זרה, אַט אַזוי רעכנט מען זיך אויך אָפּ מיט דעם, וואָס ווערט געדינט אַלס אַן עבודה זרה. וואָרום עס שטייט געשריבן: „ובכל אלהי מצרים אעשה משפטים" — און די אַלע געטער פון מצרים וועל איך משפטן. און אַט אַזוי געפינסטו דאָס אויך ביי דניאלן.

נאָכדעם ווי עס ווערט דערציילט, אַז דניאל האָט פּותר חלום געווען נבוכדנצרן — ווערט געזאָגט: דעמאָלט האָט זיך דער מלך נבוכדנצר מיטן פּנים צו דער ערד געוואָרפן און געבוקט זיך צו דניאלן און געוואָלט קרבנות מקריב זיין פאַר אים און נסכים פאַר אים גיסן.

דניאל האָט אָבער דאָס אַלץ ניט געוואָלט אָננעמען פון אים. פאַר־וואָס? וואָרום פּונקט ווי מען רעכנט זיך אָפּ מיט די, וואָס דינען די עבודה זרות, אַט אַזוי צעצאָלט מען זיך אויך מיט די עבודה זרות אַליין.

און דאָס זעלבע געפינסטו אויך ביי חירמען. דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געמאַכט פאַר אַ גאָט — איז וואָס איז געוואָרן דער סוף מיט אים?

עס שטייט ביי אים געשריבן: „דערפאַר וואָס דיין האַרץ איז ביי דיר מיט גאוה פול געוואָרן און דו האָסט געזאָגט: אַ גאָט בין איך." גאָט האָט צו אים געזאָגט: דו האַלסט זיך פאַר אַ גרעסערן חכם פון דניאלן. נבוכדנצר האָט געוואָלט מקריב זיין קרבנות צו אים און ער האָט ניט געוואָלט — און דו מאַכסט זיך פאַר אַ גאָט. און וואָס עס איז געווען דער סוף זיינער? עס שטייט ביי אים געשריבן: „צו דער ערד האָב איך דיך געוואָרפן. פאַר די מלכים האָב איך דיך אַרויס־געשטעלט, זיי זאָלן דיין חרפּת פּנים זען."

גלגול מחילות

און רבי אלעזר האָט געזאָגט: עס זיינען דאָ „דברים בגו" — אַ סוד אַ פאַרהוילענער איז פאַראַן אין דעם, וואָס די אַלע אבות האָבן געפאָדערט און באַגערט באַגראָבן צו ווערן אין ארץ־ישראל. האָט רבי יהושע בן לוי געזאָגט: און וואָס זיינען אָט די דאָזיקע „דברים בגו"? די דאָזיקע „דברים בגו" געפינען זיך אין דעם פּסוק „אתהלך לפניך בארצות החיים": אַז משיח וועט קומען, וועלן די מתים, וואָס זיינען באַגראָבן געוואָרן אין ארץ־ישראל, פריער תחית־המתים אויפשטיין, ווי די מתים, וואָס זיינען באַגראָבן געוואָרן אין חוץ־לארץ.

האָט רבי סימון געזאָגט: אויב אַזוי קומט דאָך אויס, אַז די צדיקים זיינען די פאַרלירער דורך דעם, וואָס זיינען זיינען נקבר געוואָרן אין חוץ לארץ. נאָר וואָס דען? וואָס טוט הקדוש ברוך הוא? ער מאַכט פאַר זיי היילן אין דער ערד און זיי קייקלען זיך אין זיי ביז זיי קומען קיין ארץ ישראל. גיט דאַן הקדוש ברוך הוא אַ רוח חיים אַריין אין זיי, און זיי שטייען תחית המתים אויף.

פון וואַנען וויסן מיר דאָס? וואָרום אַט אַזוי שטייט געשריבן: „הנה אני פותח את קברותיכם והעליתי אתכם מקברותיכם, עמי, והבאתי אתכם אל אדמת ישראל" — איך וועל אויפעפענען **אייערע** קברים, און איך וועל אַרויפברענגען אייך פון אייערע קברים, מיין פאָלק, און איך וועל אייך ברענגען צו דער ערד פון ישראל. און נאָכ־דעם „ונתתי רוחי בכם—וחייתם" — וועל איך מיין רוח חיים אין אייך אַריינברענגען און איר וועט צוריק לעבעדיק ווערן.

האָט ריש לקיש געזאָגט: עס איז אַ בפירושער פסוק: „נותן נשמה לעם עליה" — ער גיט אויף איר — אויף דער ארץ ישראל ערד — אַ נשמה דעם פאָלק.

און פאָלגענדעס האָט איינמאָל געטראָפן מיט רבין און רבי אלעזרן, ווען זיי זיינען געגאַנגען דורך דעם טויער, וואָס איז געוועזן חוץ לטבריא: זיי האָבן דעמאָלט געזען, ווי עס איז אַן אָרון פון אַ טויטן געקומען פון חוץ לארץ, ער זאָל באַגראָבן ווערן אין אָרץ ישראל.

האָט רבי געזאָגט צו רבי אלעזרן: וואָס האָט ער אויפגעטאָן אָט דער, וואָס די נשמה איז אים אויסגעגאַנגען אין חוץ־לארץ און באַ־גראָבן ווערן איז ער געקומען אין ארץ־ישראל. איך לייען אויף אים דעם פסוק: „ונחלתי שמתם לתועבה, ותבאו ותטמאו את ארצכם" — בשעת איר האָט געלעבט, איז ביי אייך די נחלה מיינע, ארץ־ישראל, אומווירדיק געוואָרן, איר זאָלט דאָרטן וואוינען. נאָר נאָכן טויט אייערן זייט איר געקומען, איר זאָלט דאָס לאַנד מיינס מטמא זיין, איר זאָלט אין דעם אייערע טויטע קערפּערס באַגראָבן.

האָט ער צו אים געזאָגט: ווייל ער ווערט באַגראָבן אין ארץ־ישראל, איז הקדוש ברוך הוא מכפר אויף אים, ווי עס איז געשריבן: „וכפר אדמתו עמו" — און די ערד זיינע איז אויף זיין פאָלק מכפר.

רבי יוחנן, ווען ער האָט געדרפט נסתלק ווערן פון דער וועלט, האָט געזאָגט צו די, וועלכע האָבן זיך באַדאַרפט מטפל זיין מיט אים נאָך זיין הסתלקות: איר זאָלט מיך באַגראָבן אין קליידער, וואָס

זיינען נישט ווייס און נישט שוואַרץ געפאַרבט, כדי אַז אויב איך וועל מיך געפינען צווישן די צדיקים, זאָל איך קיין בושה נישט האָבן, און טאָמער וועל איך מיך געפינען צווישן רשעים, זאָל איך קיין חרפה נישט ליידן.

רבי יאשיה, אַז ער האָט באַדאַרפט נפטר ווערן פון דער וועלט, האָט געזאָגט צו דעם, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים: רוף מיר אַריין מיינע תלמידים. אַז זיי זיינען אַריינגעקומען, האָט ער געזאָגט צו זיי: באַגראָבט מיך אין ווייסע קליידער. פאַרוואָס? ווארים איך שעם זיך נישט מיט די מעשים מיינע, איך זאָל קענען דאָס פנים פון באַשעפער מיינעם מקבל זיין.

רבינו, איידער ער איז נפטר געוואָרן פון דער וועלט, האָט אָנגעזאָגט זיינע מקורבים דריי זאַכן. ער האָט געזאָגט צו זיי: די אלמנה מיינע זאָל מען הויז נישט פאַרלאָזן; איר זאָלט מיך נישט מספיד זיין אין די שטעטלעך פון ארץ־ישראל, און איר זאָלט נישט לאָזן קיין פרעמדן, ער זאָל מיין מיטה אָנרירן; נאָר דער, וואָס האָט זיך מטפל געווען מיט מיר ביי מיין לעבן, זאָל זיך מטפל זיין מיט מיר אויך ביי מיין טויט.

ביי זיין לעבן האָט ער געוואוינט אין ציפורי זיבעצן יאָר. ער האָט געזאָגט וועגן זיך דעם פסוק: „ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה" — און יהודה האָט געלעבט אין ציפורי זיבעצן יאָר.

רבינו האָט דרייצן יאָר געליטן אויף די ציין.

אין די דאָזיקע אַלע דרייצן יאָר איז קיין חיה נישט געשטאָרבן אין ארץ־ישראל.

צום סוף פון די דרייצן יאָר איז רבינו אין כעס געוואָרן אויף רבי חייא הגדול.

איז אַריינגעקומען אליהו ז״ל צו רבינו פאַרשטעלט פאַר רבי חייאן און האָט זיין האַנט אַרויפגעלייגט אויף דעם שלעכטן צאָן זיינעם — איז ער באַלד אויסגעהיילט געוואָרן.

אויף מאָרגן איז רבי חייא אַריינגעקומען צו אים.

ער האָט געזאָגט: — רבי, דער קראַנקער צאָן דיינער, וואָס מאַכט ער?

---

* רבי יהודה הנשיא.

האָט ער געזאָגט: — פון נעכטן אָן, ווען דו האָסט דיין האַנט אַרויפגעלייגט אויף אים, איז ער פאַרהיילט געוואָרן.

האָט זיך באותה שעה רבי חייא אָנגערופן: — אַז ווי איז אייך, געווינערינס פון ארץ־ישראל, אַז ווי איז אייך, קינדער אין דער מאָמעס בויך.

און נאָכדעם האָט ער צו אים געזאָגט: — פונדעסטוועגן אָבער איז נישט איך בין עס געווען, וואָס האָב מיין האַנט אויף דיין צאָן אַרויפגעלייגט.

האָט רבינו געוואוסט, אַז דאָס איז אליהו זכור לטוב געווען.

איז פון יענעם מאָמענט אָן האָט ער אָנגעהויבן נוהג כבוד זיין רבי חייאן.

שמע ישראל

בשעת יעקב אבינו האָט געדאַרפט נפטר ווערן פון דער וועלט, האָט ער גערופן זיינע צוועלף זין. ער האָט געזאָגט צו זיי: — הערט: דער גאָט פון ישראל, וואָס איז אין הימל, איז אייער פאָטער. אפשר געפינט זיך ביי אייך אין האַרצן מחלקות אויף הקדוש ברוך הוא?

האָבן זיי געזאָגט צו אים: — שמע ישראל, — הער, פאָטער אונזערער, ישראל. אַזוי ווי ביי דיר אין האַרצן איז קיין מחלקות נישטאָ אויף אַ הקדוש ברוך הוא — אַזוי איז ביי אונז אין האַרצן קיין מחלקות אויף אים נישטאָ, נאָר ה׳ אלהינו ה׳ אחד.

האָט ער אויך דעם גלויבן זיינעם אין גאָט אַרויסגערעדט מיט דעם מויל זיינעם און ער האָט זיך אָנגערופן: „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד“.

און אַז די שבטים האָבן געזען, אַז ער האָט מיט ראובנען און שמעונען און לוין האַרטע רייד גערעדט, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו שאַרן צו די ווינקלען פון צימער. האָט ער אָנגעהויבן רופן יעדן איינעם פון זיי: „יהודה אתה יודיך אחיך“. האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט: יעקב האָט צו אים אַזוי געזאָגט: אַלע דיינע ברידער וועלן גערופן ווערן אויף דיין נאָמען. קיינער זאָגט נישט: אַ ראובני בין איך, אַ שמעוני בין איך, נאָר אַ יהודי בין איך.

רבי יהודה בר סימון האָט געזאָגט: — אַ משל צו אַ מלך, וואָס

האָט געהאַט צוועלף זין, און איינער איז דאָרט געווען, וואָס איז ביי אים באַליבט געווען מער ווי זיי אַלע; האָט מען אים געגעבן אַ באַזונדערן חלק און נאָך אַ חלק גלייך מיט די אַלע ברידער זיינע.

אין זכות פון די בנות צלפחד

בנות צעדו עלי שור — וואָס מיינט אַט דער פּסוק, וואָס געפינט זיך אין יעקבס ברכות צו יוספן?

מיר געפינען, אַז בשעת יוסף איז אַרויס קעניגן איבער מצרים, האָבן די פּרינצעסינס, די טעכטער פון די מלכים, געקוקט אויף אים דורך די פענצטער און געוואָרפן אויף אים האַלז־בענדער און אוירינגלעך און פינגערלעך און כלערליי אַנדערע מינים צירונג, כדי ער זאָל זיינע אויגן אויפהויבן און קוקן אויף זיי. ער האָט אָבער די אויגן זיינע ניט אויפגעהויבן און ניט געקוקט אויף זיי.

האָט צו אים הקדוש ברוך הוא געזאָגט: דו האָסט דיינע אויגן ניט אויפגעהויבן און ניט געקוקט אויף זיי — ביי דיין לעבן, שווער איך דיר, אַז איך וועל דיינע טעכטער אַ „צעידה" געבן, אַ צוטריט צו דער תורה. און וואָס איז דער דאָזיקער צוטריט? אַ גאַנצע פּרשה איז דורך די בנות צלפחד אין דער תורה געגעבן געוואָרן.*)

פון שלום וועגן מעג אַמאָל אַ ייד אויסגעטראַכטע רייד רעדן

עס שטייט געשריבן: און זיי האָבן באַפוילן צו יוספן אַזוי צו זאָגן: „דיין פאָטער האָט אונז אָנגעזאָגט פאַר זיין טויט אַזוי צו זאָגן: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו יוספן: איך בעט דיך, פאַרגיב דעם פאַרברעכן פון דיינע ברידער". מיר האָבן געלערנט: רבי שמעון בן גמליאל האָט געזאָגט: גרויס איז דער שלום, אַז די שבטים אפילו האָבן גערעדט אויסגעטראַכטע רייד, כדי צו מאַכן הערשן שלום צווישן יוספן און צווישן די שבטים. און דאָס איז דאָס, וואָס עס שטייט געשריבן:

---

*) די פרשה וועגן דעם, אַז דאָרטן, וואו עס זיינען קיין זין ניטאָ, קענען די טעכטער ירשענען דעם פאָטער — האָבן די בנות צלפחד בן חפר, וואָס האָט געשטאַמט פון שבט יוסף, גורם געווען, זי זאָל געשריבן ווערן אין דער תורה.

און זיי האָבן באַפוילן צו יוספן. וואו האָט דען יעקב באַפוילן די דאָזיקע רייד? מיר געפינען נישט, אַז ער האָט אַזוינס באַפוילן, נאָר וואָס דען? זיי האָבן למען השלום געזאָגט אין נאָמען פון זייער פאָטער זאַכן, וואָס ער האָט זיי נישט געזאָגט.

און אַז יוסף האָט דאָס דערהערט, האָט ער געזאָגט: אָט אַזוי זיינען מיך מיינע ברידער חושד.

און נאָכדעם שטייט געשריבן: און אויך די ברידער זיינע זיינען געגאַנגען צו אים און געפאַלן אים צו די פיס און האָבן געזאָגט: אָט זיינען מיר אַלע קנעכט פאַר דיר. זיי האָבן געזאָגט צו אים: איינעם האָסטו געוואָלט פאַר זיך פאַר אַ קנעכט. אָט זיינען מיר אַלע דיינע קנעכט.

און אַז יוסף האָט דאָס געהערט, האָט ער צו זיי געזאָגט: האָט קיין מורא נישט. איר האָט מיר געוואָלט טאָן שלעכטס. גאָט האָט אָבער געמאַכט, אַז עס זאָל אַרויסקומען אַ טובה דערפון. און ווייטער שטייט: „וינחמם וידבר על לבם" — און ער האָט זיי געטרייסט און גערעדט צו זייער האַרץ. וואָס מיינט: ער האָט גערעדט צו זייער האַרץ? דאָס מיינט, ער האָט גערעדט צו זיי רייד, וואָס טרייסטן דאָס האַרץ. ער האָט געזאָגט צו זיי: איר זענט געגליכן צום שטויב פון דער ערד. אַזוי ווי דעם שטויב פון דער ערד קאָן קיינער נישט אויסראָטן, אַזוי קאָן אייך קיינער נישט אויסראָטן. איר זענט געגליכן צו די חיות פון פעלד. ווער קאָן דען די חיות פון פעלד אויסראָטן? איר זענט געגליכן צו די שטערן. קאָן דען ווער די שטערן פאַרטיליקן? צען שטערן האָבן געוואָלט איין שטערן אומברענגען און זיי האָבן אים נישט געקאָנט בייקומען. וועט איין שטערן קאָנען בייקומען עלף שטערן? צוועלף שבטים זיינען מיר. טאָ ווי קאָן איך משנה זיין דעם סדר העולם? ווארים מיר זיינען דאָך אַנטקעגן די צוועלף שעה אין טאָג און אַנטקעגן די צוועלף מזלות אין הימל.

רבי שמלאי האָט געזאָגט: — יוסף האָט געזאָגט צו זיי: איר זענט דער גוף און איך בין דער קאָפּ. אַז מען נעמט אַוועק דעם גוף, וואָס פאַר אַ גוטס האָט דער קאָפּ דערפון? און נישט נאָר דאָס: ביז איר זענט אַהער געקומען, האָט מען מיך גערופן קנעכט. דורך אייער קומען אָבער האָט מען זיך דערוואוסט דעם יחוס מיינעם. וועל איך אייך גיין הרגענען? ווי געשיקט זיך עס? אויב איך וועל אייך הרגענען, וועלן זיי זאָגן: מען קאָן נישט האָבן קיין צוטרוי צו אָט

דעם. אַז מיט זיינע ברידער האָט ער קיין געטריישאַפט נישט געהאַלטן, מיט וועמען דען שוין וועט ער געטריישאַפט האַלטן? זיי וועלן נאָך אויך זאָגן: זיי זיינען גאָרנישט זיינע ברידער געווען, נאָר וואָס דען? אַ חברה בחורים האָט ער דערזען, האָט ער זיי אָנגערופן ברידער. אַ סימן, אַז עס איז אַזוי, וואָרים צום סוף האָט ער אויף זיי אויסגעטראַכט אַ בילבול און האָט זיי אויסגעהרגעט. ער האָט געזאָגט צו זיי: וואָס? וועל איך דען וועלן עפּעס צו־להכעיס טאָן דעם טאַטן? דער טאַטע האָט אייך אויף דער וועלט געבראַכט, און איך וועל אייך באַגראָבן? וואָס? איך וועל עפּעס צו־להכעיס טאָן הקדוש ברוך הוא? גאָט בענטשט, און איך וועל אָנטקעגן זיין ברכה גיין?

און דאָס איז דאָס, וואָס עס שטייט געשריבן: „וינחם אותם" — און ער האָט זיי געטרייסט.

זעקס פּאָרלעך זיינען געווען, וואָס זייערע יאָרן זיינען גלייך געווען: רבקה און קהת, לוי און עמרם, יוסף און יהושע, שמואל און שלמה, משה און הלל הזקן, רבי יוחנן בן זכאי און רבי עקיבא. משה האָט פאַרבראַכט אין פּאַלאַץ פון פּרעה פערציק יאָר, אין מדין פערציק יאָר און ער האָט משמש געווען — באַדינט — די אידן פערציק יאָר. רבי יוחנן בן זכאי האָט פאַרבראַכט אין מסחר פערציק יאָר און האָט געלערנט תורה פערציק יאָר און משמש געווען די אידן פערציק יאָר. רבי עקיבא איז געווען אַן עם־הארץ פערציק יאָר, האָט געלערנט פערציק יאָר און געדינט דעם אידישן פאָלק פערציק יאָר.

Copyright 1954 by Samuel H. Setzer, New York.

200